בעזהשי"ת

ספר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

אִידִישׁ

פָּרָשַׁת בַּמִּדְבָּר

תשע"ח

היכל הקודש

הכתובת להשיג את הספר הקדוש הזה וכל ספרי
אדמו"ר מוהר"ן מברסלב זי"ע וספרי תלמידיו הקדושים

To obtain this and other Breslov publications:


**היכל הקודש וויליאמסבורג**
Heichal Hakodesh Williamsburg
27 Skillman Street
**718-384-1652**

**היכל הקודש בארא פארק**
Heichal Hakodesh Boro Park
1011 41 Street
**718-384-1652**

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh Kiryas Joel
8 Hayes Ct.
**845-467-5299**

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh Kiryas Joel
8 Premishlan Way.
**845-243-0563**

**היכל הקודש בלומינגראוו**
Heichal Hakodesh Bloominggrove
24 Merriewold Ln S
**845-379-1161**

**היכל הקודש מאנסי**
Heichal Hakodesh Monsey
32 Dolson Rd.
**347-733-7551**

**בארץ ישראל**
**מוסדות "היכל הקודש" חסידי ברסלב**
שע"י עמותת "ישמח צדיק-קהילת ברסלב בגליל"
בהתייסדות ע"י כ"ק מוהרא"ש זצוק"ל
רחוב רבי נחמן מברסלב 1 ת.ד. 421 יבנאל 15225
טלפון רב קווי 04-6708356
פקס: 04-6708359


**Visit Our Web Site:**
**www.breslevcenter.com**
לשמוע השיעורים 212-444-9191

**Find our entire book selection at: amazon.com**

**To donate and/or sponsor one of our books please call: 845-248-1651**

**דער רבי וועקט אונז אויף פון שלאף; רעדן צום אייבערשטן בויעט אויף די אמונה; דער רבי ברענגט אונז צו די גרויסע מדריגות אין אמונה און בטחון אזוי ווי די גרויסע צדיקים.**

בעזהשי״ת - יום א׳ פרשת אמור, י״ד אייר, פסח שני, כ״ט לעומר, שנת תשע״ח לפ״ק

**לכבוד ... נרו יאיר**

אשרינו מה טוב חלקינו אז מיר ווייסן פון הייליגן רבי׳ן וואס איז אונז מחזק און מעודד מיר זאלן נישט אויפגעבן אויף קיין שום פאל. דער הייליגער רבי געבט אונז די שטארקייט מיר זאלן פראבירן מיט אלע אונזערע כוחות זיך מחזק זיין מיט אמונה אינעם אייבערשטן אז אלעס וואס גייט אריבער אויף אונז איז לטובה, דער רבי לאזט אונז נישט שלאפן, ער וועקט אונז אויף מיר זאלן עפענען אונזער מויל און רעדן צום אייבערשטן.

רעדן צום אייבערשטן בויט אויף די אמונה; אזוי ווי עס שטייט (תהלים קטז, י): ״הֶאֱמַנְתִּי כִּי אֲדַבֵּר״, מען ווערט געשטארקט אין אמונה דורך דעם וואס מען רעדט דערפון; עס איז נישט געווען קיין איין שמועס ביים רבי׳ן וואס דער רבי זאל נישט רעדן פון תפילה. דער רבי האט געזאגט: ״ואני תפילה, איך בין תפילה און נאר דאס וויל איך פון מיינע תלמידים. דעריבער קריגט מען אויף מיר, ווייל תפילה איז א זאך וואס מענטשן זענען אין דעם מזלזל, אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן (ברכות ו:): ״כְּרוּם זֻלֻּת לִבְנֵי אָדָם - אֵלּוּ דְּבָרִים הָעוֹמְדִים בְּרוּמוֹ שֶׁל עוֹלָם, וּבְנֵי־אָדָם מְזַלְזְלִין בָּהֶם״, און רש״י זאגט דארט: ״וּמַאי נִיהוּ, תְּפִלָּה״, תפילה איז פון די העכסטע זאכן אויף דער וועלט, אבער מענטשן זענען אין דעם זייער מזלזל, דערפאר - האט דער רבי געזאגט - איז מען מזלזל אין מיר, ווייל איך וויל נאר צוריק ברענגען מענטשן צום אייבערשטן און זיי אויסלערנען רעדן צום אייבערשטן (עיין ליקוטי מוהר״ן, חלק ב׳, סימן צג)״.

ווען א מענטש געוואוינט זיך צו צו רעדן צום אייבערשטן, ער דערציילט פארן אייבערשטן אלעס וואס באדערט אים, ער שמועסט אויס זיין הארץ מיטן אייבערשטן, דורכדעם ווערט אים אויפגעבויט די אמונה, און נאכדעם ווען עס גייט אויף אים איבער א שוועריקייט חס ושלום ווערט ער נישט פארלוירן, ווייל ער פארזיכערט זיך אויפן אייבערשטן.

חכמינו זכרונם לברכה דערציילן (ברכות ס.): ״מַעֲשֶׂה בְּהִלֵּל הַזָּקֵן שֶׁהָיָה בָּא בַּדֶּרֶךְ, וְשָׁמַע קוֹל צְוָחָה בָּעִיר״, עס איז געווען א מעשה, הלל הזקן איז צוריק געקומען פון א ווייטע וועג צוריק צו זיין שטאט, ווען ער איז אריין געקומען אין זיין שטאט האט ער געהערט א הויכע געשריי, ווי מענטשן שרייען פון א צרה, האט ער געזאגט: ״מֻבְטָח

אֲנִי שֶׁאֵין זֶה בְּתוֹךְ בֵּיתִי״, איך בין זיכער אז די געשריי איז נישט פון מיין שטוב; ער האט געהאט אזא שטארקע אמונה אינעם אייבערשטן אז אויף אים זאגט דער פסוק (תהלים קיב, ז): ״מִשְּׁמוּעָה רָעָה לֹא יִירָא נָכוֹן לִבּוֹ בָּטֻחַ בַּה׳״.

ווי אזוי איז הלל הזקן געווען אזוי זיכער אז דאס איז נישט פון זיין שטוב, עס קען דאך פאסירן ביי יעדן איינעם חס ושלום א צרה? נאר הלל הזקן האט אריין געברענגט אין זיין שטוב אזא שטארקע אמונה, דערפאר האט ער געוואוסט אז אויב מען הערט א געשריי איז עס נישט פון זיין שטוב, ווייל אויב איז דא ביי אים אין שטוב חס ושלום א צרה, וועט מען נישט שרייען און מען וועט זיך נישט פארלירן, נאר מען וועט עס אננעמען באהבה, מען וועט זאגן ״אלעס וואס דער אייבערשטער טוט איז גוט״. אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן (ברכות ס:): לְעוֹלָם יְהֵא אָדָם רָגִיל לוֹמַר: ״כָּל מַה דְּעָבֵיד רַחְמָנָא לְטָב עָבֵיד״, א מענטש זאל זיך צוגעוואוינען צו זאגן: ״אלעס וואס דער אייבערשטער טוט איז גוט״, דעריבער האט הלל געזאגט: ״מֻבְטָח אֲנִי שֶׁאֵין זֶה בְּתוֹךְ בֵּיתִי״, איך בין זיכער אז דאס איז נישט ביי מיר אין שטוב, ווייל ביי מיר אין שטוב וואלט מען נישט געשריגן, ביי מיר אין שטוב וואלט מען נישט געשאלטן חס ושלום ווען עס גייט נישט ווי מען וויל.

דאס אלעס ברענגט דער הייליגער רבי אריין אין אונז פשוט׳ע מענטשן, מיר זאלן אויך לעבן מיט אמונה אזוי ווי די גרויסע צדיקים, מיר זאלן אויך זיין צוגעוואוינט צו זאגן וואס רבי עקיבא האט געזאגט ווען ער האט אלעס פארלוירן אין וואלד (ברכות ס:): ״כָּל מַה שֶּׁעוֹשֶׂה הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, הוּא לְטוֹבָה״, וואס דער אייבערשטער טוט איז גוט; דאס איז דער גרויסער חידוש פון רבי׳ן, צו נעמען פשוט׳ע מענטשן ווי מיר זענען, און אונז צוברענגען צום אייבערשטן.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

...

~~~~~~~~~~~

**די געוואלדיגע זכות פון צושטעלן א קעמפ פאר די זומער טעג**

בעזהשי״ת - יום א׳ פרשת אמור, י״ד אייר, פסח שני, כ״ט לעומר, שנת תשע״ח לפ״ק

**לכבוד די חשוב׳ע הנהלה מיטגלידער פון קעמפ ״מחנה תפארת התורה ברסלב״ כל אחד בשמו הטוב יבורך.**

איך בעט אייך זייער איר זאלט זיך שטארקן מיט אייער עבודת הקודש.
~~~~~~~~~~~

אייער זכות איז זייער גרויס, אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן (אבות ה, יח): "כָּל הַמְּזַכֶּה אֶת הָרַבִּים, אֵין חֵטְא בָּא עַל יָדוֹ", ווער עס איז מזכה א צווייטן איד וועט ער זוכה זיין נישט צו קומען צו עבירות; ווי איז דא נאך א גרעסער זיכוי הרבים ווי שאפן א פלאץ פאר די ישיבה מחוץ לעיר וואו מיר וועלן זיין אפגעהיטן פון אלעם שלעכטס. זוממער אין שטאט ברענט א פייער, עס איז ביטער שווער צו האבן ריינע אויגן, הלואי וואלט מען וועגן געקענט בלייבן א גאנץ יאר מיט די ישיבה חוץ לעיר.

אין שטאט איז ממש ווי דער הייליגער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק א', סימן רמג): "דַּע שֶׁיֵּשׁ בְּחִינַת 'אֲרִיךְ אַנְפִּין בַּקְּלִפָּה' (עיין "עץ חיים" שער הקליפות פרק ג): וּמִי שֶׁפּוֹגֵעַ בְּאִשָּׁה מִבְּחִינָה זוֹ, קָשֶׁה לוֹ לְהִנָּצֵל מֵהִרְהוּר, וְאַף אִם יַעֲצִים עֵינָיו, אַף עַל פִּי כֵן בְּכָל צַד שֶׁיִּפְנֶה תִּזְדַּמֵּן לוֹ, כִּי הִיא בְּחִינַת 'אֲרִיךְ אַנְפִּין שֶׁל הַקְּלִפָּה', שֶׁהֵם פָּנִים אֲרֻכִּים, וְעַל כֵּן בְּכָל צַד שֶׁיִּפְנֶה תִּזְדַּמֵּן לוֹ", עס איז דא אמאל וואס מען פאלט אריין אין א גרויסע קליפה וואס רופט זיך אֲרִיךְ אַנְפִּין, אז וואו מען גייט און וואו מען שטייט זעט מען נישט גוטס.

דעריבער איז ענקער זכות זייער גרויס אז איר שטעלט אהער א קעמפ פאר די ישיבה און חדר וכו'.

בזכות די מצוה זאלט איר זוכה זיין צו זען נחת פון אייערע קינדער.

דער אייבערשטער זאל העלפן איר זאלט מצליח זיין אין אלע אייערע וועגן.

...

~~~~~~~~~~~

**שטארק דיך אין כיבוד אב ואם, און זיי מקרב יעדן איינעם**

בעזהשי"ת - יום א' פרשת אמור, י"ד אייר, פסח שני, כ"ט לעומר, שנת תשע"ח לפ"ק

**לכבוד מיין טייערע טאכטער ... תחי'**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

עס איז נישט דא קיין גרעסערע זאך אויף דער וועלט ווי מכבד זיין טאטע מאמע; חכמינו זכרונם לברכה זאגן (תנא דבי אליהו רבה, פרשה כו): "כָּל הָעוֹלָם כֻּלּוֹ שֶׁל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, וְאֵין הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מְבַקֵּשׁ מֵהָאָדָם רַק שֶׁיְּכַבֵּד אָב וָאֵם", דער אייבערשטער זאגט: "די גאנצע וועלט איז מיינס - איך האב עס באשאפן, און איך בעט פון ענק נאר איין זאך, איר זאלט מכבד זיין ענקערע עלטערן"; וואויל איז דיר אז דו העלפסט אזוי שיין מאמי, אנשטאט ארויס צו לויפן צו די שכנים שפילן וכו' בלייבסטו אין שטוב העלפן, מיט דעם מאכסטו א נחת רוח פארן אייבערשטן.
~~~~~~~~~~~

נאך אביסל וועסטו אליינס זיין א מאמע פון א שטוב מיט קינדער, דעמאלט וועסטו זען וואס א מאמע גייט אריבער, דעמאלט וועסטו אנהייבן כאפן וואס איז אריבער אויף דיין מאמע תחי׳, און דעמאלט וועסטו האבן נחת פון דיינע קינדער בזכות וואס דו האסט אזוי שיין געהאלפן דיינע עלטערן, דו וועסט דאנקען דעם אייבערשטן אז דו האסט געהאט שכל צו העלפן אלץ קינד.

וויסן זאלסטו אז נישט אלע קינדער זענען אזוי ווי דיר, ליידער זענען דא קינדער וואס כאפן נישט וואס עלטערן זענען, זיי לויפן ארויס צו שכנים שפילן און זיי לאזן איבער זייער אפגעמאטערטע מאמע אין שטוב וכו׳; בדרך כלל כאפן נישט קינדער ווי חשוב עס איז צו העלפן די עלטערן, אבער דו העלפסט אזוי שיין אין שטוב ווי מאמי זאגט מיר אז זי וואלט זיך נישט געקענט אן עצה געבן אן דיר; וואויל איז דיר און וואויל איז דיין חלק.

זע צו מקרב זיין אלע מיידלעך וואס זענען בטבע פארמאכט וכו׳; זוך זיי אויף און מיט זיי זאלסטו שפילן. אסאך מאל מיינט מען אויף א מיידל אז זי איז פשוט שטיל, אבער קיינער טראכט נישט וואס ליגט אונטער איר שטילקייט, קיינער זעט נישט איר צעבראכענע הארץ ווי זי שעמט זיך אז זי האט נישט מיט וועם צו שמועסן, דעריבער זאלסטו אייביג מקרב זיין מיידלעך וואס זיצן אין די זייט וועט דער אייבערשטער דיר אויך מקרב זיין, ווייל (סוטה ח:): "בְּמִדָּה שֶׁאָדָם מוֹדֵד, בָּהּ מוֹדְדִין לוֹ", ווי אזוי א מענטש פירט זיך אויף, אזוי פירט זיך דער אייבערשטער מיט אים.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

פון דיין טאטע וואס האט דיר זייער ליב.

...

~~~~~~~~~~

**די גרעסטע כיבוד אב ואם איז ווען מ׳פירט זיך ערליך**

בעזהשי״ת יום א׳ פרשת אמור, י״ד אייר, פסח שני, כ״ט לעומר, שנת תשע״ח לפ״ק

**לכבוד ... תחי׳**[1]

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

[1] הערת המדפיס: די בריוו איז געשריבן פאר א מיידל פון די קלענערע כיתות אין "בית פיגא"
~~~~~~~~~~

אז דו ווערסט זיך אויפפירן מיט דרך ארץ און גוטע מידות ווערסטו זיך איינקויפן א גוטע נאמען ביי אלעמען; אזוי ווי שלמה המלך זאגט (קהלת ז, א): "טוֹב שֵׁם מִשֶּׁמֶן טוֹב", עס איז בעסער פארן מענטש א גוטע נאמען מער ווי די בעסטע שמעקעדיגע אויל, ווייל אפילו מען זאל לייגן אויף זיך גוטע שמעקעדיגע אויל וועלן נאר די מענטשן וואס שטייען ארום דעם מענטש שפירן דעם אויל וכו', אבער א גוטע נאמען גייט פון איין עק וועלט ביזן צווייטן; אויך ווערסטו מאכן א נחת רוח פאר דיינע עלטערן מיט דעם וואס דו ווערסט זיך פירן מיט גוטע מידות.

דער גרעסטער כיבוד אב ואם איז ווען עלטערן זעען ווי די קינדער פירן זיך אויף ערליך, אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן (יומא פו.) אויפן פסוק (דברים ו, ה): "וְאָהַבְתָּ אֵת ה' אֱלֹהֶיךָ" - זאלסט זען עס זאל ארויס קומען א קידוש השם דורך דיר און דער אייבערשטער זאל באליבט ווערן דורך דיר. ווייל ווען א מענטש איז איידל און צניעות'דיג און פירט זיך ווי עס דארף צו זיין, וואס זאגן מענטשן? "אַשְׁרֵי אָבִיו שֶׁלִּמְּדוֹ תּוֹרָה", וואויל זענען זיינע עלטערן וואס האבן אים געלערנט תורה; "אַשְׁרֵי רַבּוֹ שֶׁלִּמְּדוֹ תּוֹרָה", וואויל איז פאר זיין רבי וואס האט אים געלערנט תורה; "אוֹי לָהֶם לַבְּרִיּוֹת שֶׁלֹּא לָמְדוּ תּוֹרָה", וויי איז פאר די מענטשן וואס לערנען נישט קיין תורה. ווען איינער פירט זיך אויף ערליך זאגן די מענטשן: "קוקט אן דעם מענטש, וויבאלד ער לערנט תורה פירט ער זיך אויף אזוי ערליך". אויף אים זאגט דער פסוק (ישעיהו מט, ג): "וַיֹּאמֶר לִי עַבְדִּי אָתָּה, יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר בְּךָ אֶתְפָּאָר", דער אייבערשטער באריםט זיך מיט אזא איינעם.

איך פריי זיך זייער צו הערן אז דו זאגסט יעדן טאג תהלים; דער הייליגער רבי זאגט (חיי מוהר"ן, סימן תפה): **"א גוט קאפיטל תהילים איז אזוי ווי א פאנטש"**, אזוי ווי ווען א מענטש האט א גוטע טרינק, כאפט ער יעדע מאל נאך א טרינק און נאך א טרינק, אזוי דארף א מענטש זיך צוגעוואוינען צו זאגן תהילים און שפירן ווי יעדע קאפיטל איז ווי א גוטע טרינק; אין תהילים ליגט באהאלטן אלע ישועות, ווען מענטשן וואלטן ווען געוואוסט אז אין תהילים ליגט באהאלטן אלע ישועות וואלט מען געזאגט אסאך תהילים יעדן טאג.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

...

~~~~~~~~~~~

**דערשרעק זיך נישט ווען מ'לאכט פון דיר**
~~~~~~~~~~~

בעזהשי״ת - יום א׳ פרשת אמור, י״ד אייר, פסח שני, כ״ט לעומר, שנת תשע״ח לפ״ק

**לכבוד ... תחי׳**[2]

זיי נישט צעקלאפט אז זיי לאכן פון דיר; דאנק דעם אייבערשטן אז דו האסט גוטע ערליכע נייע חבר׳טעס ביי אונז אין שולע. מוהרא״ש פלעגט שטענדיג זאגן דעם כלל: ״אויב איינער דארף דיר נישט, זאלסטו אים טויזנט מאל מער נישט דארפן״; אויב דו זעסט א מיידל לאכט פון דיר וכו׳, דארפסטו נישט ווערן צעבראכן דערפון, נאר דו דארפסט זיין שטארק ביי זיך און זאגן: ״דו דארפסט מיר נישט, איך דארף דיר טויזענט מאל מער נישט״, ווייל אז זי האט נישט קיין שכל און זי שפעט פון דיר, איז א סימן אז זי איז זייער נאריש, אפילו זי האט ארום זיך נאכשלעפערס.

בכלל זאלסטו וויסן אז ווען איינער לאכט אפ פון א צווייטן, ווייזט דאס אז יענער איז פארפוילט פון אינעווייניג; אן ערליכער איד וועט קיינמאל נישט אפשפעטן פון א צווייטן, און זיכער נישט אין פארענט פון א צווייטן. די סימנים פון א איד איז (יבמות עט.): ״רַחֲמָנִים, בַּיְישָׁנִין, וְגוֹמְלֵי חֲסָדִים״; א איד טשעפעט נישט א צווייטן, א גוטע מיידל איז נישט דער וואס גייט אנגעטון טייער, אויסגעפיצט און סטייליש וכו׳, א גוטע מיידל איז דער וואס געבט א גוט ווארט פאר יעדן איינעם, דער וואס מאכט נישט אוועק א צווייטן.

ווען דו גייסט ארום ביי די טירן צוזאמנעמען געלט פאר די סקול און איינער זאגט דיר: ״מיר געבן נישט פאר ברסלב״, דארף דאס דיך נישט באדערן; דאס ווייזט אז די מענטשן זענען נישט קלוג, דאס ווייזט אז זיי טראכטן נישט וואס זיי רעדן, ווייל אפילו דו ווילסט נישט געבן פאר ברסלב וואס דארפסטו ווי טון א צווייטן איד? בפרט א קינד וועם די עלטערן שיקן אין די מוסד; אנשטאט זאגן: ״מיר געבן נישט פאר ברסלב״, זאג: ״מיר האבן נישט קיין געלט״, אדער אן אנדערע תירוץ, פארוואס פארשעמען? פארוואס טשעפען? אלא מאי, דאס זענען מענטשן וואס טראכטן נישט וואס זיי רעדן, דארף מען פון זיי נישט ווערן צעקלאפט.

שטארקט דיך און זע צו זאגן תהלים יעדן טאג, וועסטו האבן הצלחה.

...

~~~~~~~~~~~

[2] הערת המדפיס: די בריוו איז געשריבן פאר א מיידל פון די קלענערע כיתות אין ״בית פיגא״
~~~~~~~~~~~

**דאס גרויסקייט פון לערנען א דף גמרא יעדן טאג; לימוד התורה ברענגט עשירות און אלעס גוטס.**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ב׳ פרשת אמור, ט״ו אייר, ל׳ לעומר, שנת תשע״ח לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

איך האף אז דו לערנסט יעדן טאג דעם דף גמרא; אפילו דו פארשטייסט נישט וואס דו לערנסט זאלסטו זאגן די ווערטער פון די הייליגע גמרא, דאס וועט דיר אפוואשן פון אלע דיינע עבירות.

יעדעס מאל וואס א מענטש זינדיגט קלעבט זיך אן אים קליפות און מזיקים וואס שעדיגן אים, אבער אז מען לערנט די הייליגע תורה ווערן זיי פארברענט.

אז דו וועסט לערנען תורה וועסטו האבן עשירות און אלעס גוטס.

היינט נאכט וועט נישט זיין קיין שיעור, דער שיעור וועט אם ירצה ה׳ פארקומען מיטוואך נאכט צוזאמען מיט די סעודת ל״ג בעומר וואס וועט פארקומען אין ישיבה; עס וועט אויך זיין צוגעשטעלט פאר די פרויען און קינדער.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

...

~~~~~~~~~~~

**חיזוק און הדרכה פאר א לערערין**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ב׳ פרשת אמור, ט״ו אייר, ל׳ לעומר, שנת תשע״ח לפרט קטן

**לכבוד מרת ... תחי׳**

איך האב ערהאלטן אייער בריוו.

איר קענט זיך נישט פארשטעלן דאס גרויסקייט פון דינען אלס א לערערין פאר אידישע קינדער, זיי מחנך זיין אז זיי זאלן אויסוואקסן ערליכע אידישע מאמעס.

איר דארפט זיך זייער פרייען אז איר האט אזא הייליגע ארבעט, ווייל חכמינו זכרונם לברכה זאגן (בבא בתרא ח:): אויפן פסוק (דניאל יב, ג): "וּמַצְדִּיקֵי הָרַבִּים כַּכּוֹכָבִים לְעוֹלָם וָעֶד - אֵלּוּ מְלַמְּדֵי תִּינוֹקוֹת", איינער וואס לערנט תורה מיט אידישע קינדער איז צוגעגליכן צו די שטערנס פון די הימל; ער האט אן א שיעור זכותים, אזוי סאך וויפיל שטערנס עס איז דא אין די גאנצע וועלט.
~~~~~~~~~~~

דער עיקר דארף מען אריין לייגן אין קינדער גוטע מידות. א מענטש ווערט געבוירן מיט שלעכטע מידות, אזוי ווי עס שטייט (איוב יא, יב): "וְעַיִר פֶּרֶא אָדָם יִוָּלֵד", א מענטש ווערט געבוירן ווי אן אייזל אן שכל, און ער דארף ארבעטן אויסצוארבעטן זיינע מידות.

דער הייליגער רבי אלימלך זכותו יגן עלינו שרייבט (צעטל קטן): "הָאָדָם לֹא נִבְרָא רַק לְשַׁבֵּר אֶת הַטֶּבַע", א מענטש איז באשאפן געווארן ער זאל זיך אויסארבעטן זיינע מידות, און ער זאגט (שם) אז דאס איז גרינגער צו טון ווען מען איז נאך יונג.

דערפאר דארף א טיטשער העלפן די קינדער זיי זאלן ארבעטן אויף זיך צו האבן גוטע מידות; מען דארף אסאך רעדן צו די מיידלעך פון גוטע מידות, זיי פארציילן מעשיות פון מענטשן וואס האבן זיך איינגעהאלטן און געטון פארקערט פון זייער ווילן - צו וואס זיי האבן זוכה געווען.

חכמינו זכרונם לברכה דערציילן (תענית כד.): עס איז אמאל געווען א טרוקעניש - עס האט נישט גערעגנט פאר א לאנגע צייט, האט מען זיך צוזאמגענומען אין בית המדרש צו מתפלל זיין פאר רעגן, א פשוט'ער איד איז צוגעגאנגען צום עמוד און גלייך ווען ער האט געזאגט: "מַשִּׁיב הָרוּחַ, וּמוֹרִיד הַגֶּשֶׁם" האט אנגעפאנגען צו רעגענען, האט מען אים געפרעגט: "וואס זענען די גוטע מעשים וואס דו טוסט?" האט ער געזאגט: "איך בין א מלמד דרדקי - איך לערן מיט אידישע קינדער און איך מאך נישט קיין אונטערשייד פון א קינד וואס דער טאטע צאלט מיר געלט אז איך זאל לערנען מיט אים, אדער א קינד וואס דער טאטע צאלט מיר נישט; נאך א מנהג האב איך, אז ווען איך זע א קינד וואס וויל נישט לערנען, בין איך אים משחד; איך קויף אים אונטער, איך האב אין שטוב א פיש טאנק און איך בין אים משכנע אז אויב ער וועט לערנען וועל איך אים ווייזן די פישעלעך און דורכדעם הייבט ער אן לערנען"; זעט מען פון דעם אז אויב א מלמד, א טיטשער, געבן אכטונג אויף דעם אייבערשטנ'ס קינדער, האט מען א כח אין הימל און מען נעמט אן אלע תפילות.

דער אייבערשטער זאל העלפן איר זאלט מצליח זיין אין אלע אייערע וועגן.

...

~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~

**זיך שטארקן אין די מצוה פון כיבוד אב ואם; זיך לערנען פון רבי'ן צו גיין באזוכן די עלטערן כסדר; קאלן די עלטערן יעדן טאג; דער רבי איז אן אוצר וואס מען דארף זוכן ווי מער צו געניסן דערפון; וואס ליגט אונטער די טענות פון די עלטערן פארוואס די קינדער זענען מקורב צום הייליגן רבי'ן; צום סוף זענען אלע איין אז נחת האט מען פון די ברסלב'ע קינדער.**

בעזרת ה' יתברך - יום ג' פרשת אמור, ט"ז אייר, ל"א לעומר, שנת תשע"ח לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

איך בעט דיר זייער זאלסט אכטונג געבן אויף די מצוה פון כיבוד אב ואם.

היינט איז זייער גרינג צו מקיים זיין די מצוה, ווען מען קען מיט איין טעלעפאן רוף מחי' זיין די עלטערן.

דער הייליגער רבי פלעגט פארן צו זיינע עלטערן יעדע שטיק צייט אפילו ער האט געוואוינט ווייט אוועק פון זיי. פון אוסיאטין ביז מעזיבוז איז מער פון 350 קילאמעטער, דאס איז איבער צוויי הונדערט מייל, דאך פלעגט דער רבי זיך אריבער כאפן מזמן לזמן צו זיי, און ווען ער איז דארט געווען פלעגט ער גיין צום ציון פון הייליגן בעל שם טוב זכותו יגן עלינו; איז אודאי היינט ווען מען קען רעדן דורכן טעלעפאן איז ממש אן עבירה דאס נישט צו טון.

זע צו רופן יעדן טאג דיינע עלטערן; מוהרא"ש פלעגט זיך פירן אז יעדן טאג גלייך נאך שחרית פלעגט ער רופן זיין טאטע. זאג נישט אז דו האסט נישט וואס צו רעדן מיט זיי; זוך דיר אויף וואס צו רעדן, פארצייל זיי פון דיין לעבן; פארשטייט זיך נאר גוטע זאכן, ווייל עלטערן האבן נישט קיין כח צו הערן ווי די קינדער קרעכצן, זיי האבן שוין גענוג געהאט זייערע שוועריקייטן מיט די קינדער, יעצט איז שוין די צייט וואס מען דארף זיי ברענגען נאר נחת. וואס זאל איך דיר זאגן, עס איז נישט דא קיין גרעסערע מצוה פון מחיה זיין עלטערן.

אויב דיינע עלטערן זענען ברוגז אויף דיר אז דו ביסט געקומען קיין ברסלב וכו' זאלסטו זיי חס ושלום נישט ענטפערן; וואס זאלן מיר טון אז מען רעדט אויף אונז כל דבר אסור. דיינע עלטערן מיינען נישט קיין שלעכטס, ווייל ווען זיי וואלטן געוואוסט וואס דער רבי געבט אונז וואלטן זיי געברענגט אלע קינדער צום רבי'ן.

דער הייליגער רבי געבט דאך אונז נאר גוטס, דער רבי געבט אונז יראת שמים; אזוי ווי דער רבי האט געזאגט (חיי מוהר"ן, סימן תצה): "אֵלּוּ הָיִינוּ רוֹאִין אוֹצָר הָיִינוּ רָצִים

בְּוַדַּאי אֵלָיו, וְהָיִינוּ חוֹפְרִים וּמְלַכְלְכִים עַצְמֵנוּ בְּרֶפֶשׁ וָטִיט בִּשְׁבִיל לַחְתֹּר אַחֲרָיו וּלְמָצְאוֹ", ווען איר וואלט געטראפן אן אוצר, וואלט איר זיכער אהין געלאפן און געזוכט ווי מער מען קען נעמען דערפון, איר וואלט נישט געקוקט צי איר ווערט שמוציג, איר וואלט אריין געקראכן אין בלאטע אבי צו נעמען פונעם אוצר, "וַהֲלֹא אֲנִי אוֹצָר שֶׁל יִרְאַת שָׁמַיִם, וּמַדּוּעַ לֹא יִהְיוּ לְהוּטִים וְרָצִים אַחֲרַי לְקַבְּלוֹ", איך בין דאך אן אוצר פון יראת שמים, פארוואס לויפט איר מיך נישט נאך צו נעמען פון מיין אוצר?!

באמת קריגן זיך נישט דיינע עלטערן מיט דיר, ווייל זיי ווילן דאך דאס זעלבע וואס דו ווילסט, זיי ווילן דו זאלסט זיין אן ערליכער איד און דו ווילסט דאס זעלביגע, די גאנצע מחלוקה איז נאר צוליב די בעלי לשון הרע וואס רעדן שלעכטס אויפן הייליגן רבי'ן און אויף זיינע תלמידים. דערפאר, ענטפער נישט ווען מען האלט דיר פאר וכו', זאלסט זיי ווייטער מכבד זיין, זאלסט ווייטער לערנען דיינע שיעורים כסדרן און ווייטער ממשיך זיין מיט התבודדות, צום סוף וועסטו זען אז זיי וועלן האבן די מערסטע נחת פון דיר.

דאס קענען מעיד זיין אלע תלמידי היכל הקודש וואס זענען אריבער אין זייערע בראשית יארן רדיפות און בזיונות, מען האט אפגעשפעט פון זיי, מען האט געוויינט און געשריגן אז מען כאפט א הארץ אטאקע וכו' פון דעם וואס מען דריידט זיך ביים רבי'ן, אבער (איוב ח, ז): "וְאַחֲרִיתְךָ יִשְׂגֶּה מְאֹד", ביים סוף זענען אלע מודה אז נאר דער וואס פאלגט דעם הייליגן רבי'ן, נאר דער וואס נעמט די עצות פון רבי'ן, די אלע זענען מכבד די עלטערן און פון זיי האט מען נחת.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

...

~~~~~~~~~~

**הכרת הטוב פאר'ן העלפן די מוסדות, וועסט אי"ה טרעפן דיין שידוך**

בעזרת ה' יתברך - יום ג' פרשת אמור, ט"ז אייר, ל"א לעומר, שנת תשע"ח לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

דו קענסט זיך נישט פארשטעלן ווי גרויס דיינע זכותים זענען מיט דעם וואס דו העלפסט מיר איך זאל קענען אנגיין מיט די ישיבה, תלמוד תורה, מיידל סקול, כולל און קעמפ.
~~~~~~~~~~

הלואי זאלן אלע בחורים זיין אזוי געטריי פאר די פלאץ אזוי ווי דו; ווען איך זע ווי די תלמידים העלפן, ווייזט דאס אז די תלמידים זענען מכיר וואס דער רבי טוט מיט אונז. ווען מען שטעלט זיך ארויס צו העלפן אויפשטעלן א מוסד על שם רבינו, א מוסד וואו מען לערנט מיט די קינדער פון קינדערווייז אן וואס דער רבי האט געוואלט, ווייזט עס אז דער מענטש אנערקענט וואס דא גייט פאר, אבער אז מען קומט צום רבי'ן, מען עסט א פיינע סעודה, מען האט הנאה פון דעם פלאץ און מען גייט אהיים אן צולייגן א האנט, דאס איז א סימן אז דער מענטש אנערקענט נישט וואס עס טוט זיך דא.

איך בעט דיר זייער דו זאלסט איבערנעמען פון ... נרו יאיר די גאנצע עול פון די עסן פראגראם וואס די שטאט געבט פארן מוסד; עס איז נישט דא קיין גרעסערע זאך ווי צו העלפן תינוקת של בית רבן זיי זאלן קענען לערנען די הייליגע תורה, ווייל די גאנצע וועלט שטייט אויף די תורה פון תינוקות של בית רבן. אויך זאגן חכמינו זכרונם לברכה זאגן (שיר השירים רבה א, ד): ווען דער אייבערשטער האט געגעבן די תורה פאר די אידן, האט דער אייבערשטער געבעטן פון די אידן "הָבִיאוּ לִי עֲרֵבִים טוֹבִים שֶׁתִּשְׁמְרוּהָ", ברענגט מיר א גאראנטי אז איר וועט היטן די תורה, האבן די אידן פרובירט צו ברענגען אסאך ערבים, אבער דער אייבערשטער האט אויף אלעמען געענטפערט: "עֲרֶבְךָ צָרִיךְ עָרֵב", דער ערב אליינס דארף אויך א גאראנטי, ביז די אידן האבן געזאגט: "בָּנֵינוּ עוֹרְבִים אוֹתָנוּ", אונזערע קינדער זענען אונזערע גאראנטיס אז מיר וועלן האלטן די תורה, "אָמַר הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא הָא וַדַּאי עֲרֵבִים טוֹבִים, עַל יְדֵיהֶם אֶתְּנֶנָּה לָכֶם, הֲדָא הוּא דִכְתִיב (תהלים ח, ג): מִפִּי עוֹלְלִים וְיֹנְקִים יִסַּדְתָּ עֹז", דאס זענען גוטע גאראנטיס, בזכות די קינדער וועל איך ענק געבן די תורה; זעט מען פון דעם אז דער אייבערשטער האט גענומען אונזערע קינדער פאר א גאראנטי אז מיר וועלן האלטן די תורה.

בנוגע דיין שידוך; וויסן זאלסטו אז די גאנצע זאך פון שידוכים איז אין די הענט פונעם אייבערשטן און דאס איז א זאך וואס איז פארהוילן פון אלעמען, איין עצה איז דא: ווארטן מיט געדולד ביז דער אייבערשטער וועט העלפן און דו וועסט אם ירצה ה' טרעפן דיין זיווג.

זע צו זאגן יעדן טאג די קרבנות הנשיאים, אזוי ווי דער רבי זאגט (ספר המידות, אות חיתון, סימן ו): "מִי שֶׁקָּשֶׁה לוֹ לִמְצֹא זִוּוּגוֹ, יַרְגִּיל אֶת עַצְמוֹ לִקְרוֹת בְּקָרְבְּנוֹת הַנְּשִׂיאִים", ווער עס גייט שווער צו טרעפן א שידוך זאל זאגן די "קרבנות הנשיאים"; נאכדעם וואס דו זאגסט דאס זאלסטו בעטן דעם אייבערשטן: **"רבונו של עולם, העלף מיר איך זאל זוכה זיין צו טרעפן מיין זיווג בזכות וואס איך האב געטון וואס דער הייליגער רבי זאגט, אז מען זאל זאגן די קרבנות הנשיאים; העלף מיר באשעפער איך זאל שוין זוכה זיין צו**

**טרעפן מיין זיווג, עס איז מיר זייער שווער צו זיין אליינס, עס איז מיר זייער שווער צו זיין ערליך ווען איך בין אליינס, איך וויל חתונה האבן וכו' וכו'".**

**איך בעט דיר טייערער ..., שטארק דיר מיט אלע דיינע כוחות; דו וועסט זוכה זיין אויפצושטעלן א שיינע שטוב בזכות וואס דו העלפסט די ישיבה מיט דיין גאנצע הארץ.**

**דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.**

**איך בעט דיר זייער זאלסט נעמען נאך בחורים מיט דיר צו העלפן די ישיבה, ווייל אליינס וועסטו אונטערברעכן.**

**...**

**~~~~~~~~~~**

**ווי אזוי זיך צו ספראווען מיטן פרישן גאסט - א שיינע תפילה דערויף; איין קוק ווייניגער איז איין ברי ווייניגער אין גיהנום; דער שייכות וואס א ברסלב'ער חסיד האט מיט ל"ג בעומר; דער יצר הרע ארבעט איבערמידליך אפצוקילן די וואס זענען מקורב צום רבי'ן - די עצה דערויף.**

**בעזרת ה' יתברך - יום ד' פרשת אמור, י"ז אייר, ל"ב לעומר, שנת תשע"ח לפרט קטן**

**לכבוד ... נרו יאיר**

**דער זומער איז שוין דא אין א מזל'דיגע שעה, און מען דארף האבן רחמי שמים מען זאל בלייבן אן ערליכער איד ווייל עס ברענט א פייער אין גאס; פאר דו גייסט ארויס פון שטוב זאלסטו בעטן דעם אייבערשטן ביי די מזוזה אז דו זאלסט האבן שמירת עיניים, זאג דעם פסוק** (ישעיהו לג, ז): **"הֵן אֶרְאֶלָּם צָעֲקוּ חֻצָה, מַלְאֲכֵי שָׁלוֹם מַר יִבְכָּיוּן". אזוי ווי דער רבי זאגט** (ספר המידות, אות ראיה, חלק ב', סימן ט): **"כְּשֶׁאָדָם יוֹצֵא לַשּׁוּק וּמִתְיָרֵא שֶׁלֹּא יָבוֹא לִידֵי הִרְהוּר עַל יְדֵי הָרְאִיָּה שֶׁיִּרְאֶה נָשִׁים יָפוֹת, יֹאמַר הַפָּסוּק "הֵן אֶרְאֶלָּם צָעֲקוּ חוּצָה" וְכוּ', וְעַל יְדֵי זֶה יִנָּצֵל מֵרְאוֹת", אויב מען האט מורא אז מען וועט נכשל ווערן מיט ראיות אסורות וועט מען גייט אין גאס זאל מען זאגן דעם פסוק פאר מען גייט ארויס פון שטוב; בעט דעם אייבערשטן: "רבונו של עולם! העלף מיר איך זאל זיך קענען היטן מיינע אויגן, העלף מיר איך זאל נישט ווערן פארברענט פונעם יצר הרע וואס וויל מיר אויסרייסן פון דער וועלט און פון יענער וועלט און ברענג מיר צוריק אהיים בשלום. הייליגער באשעפער! איך ווער יעדן טאג מער און מער פארשווארצט פאר מיינע תאוות, איך זינק אין די טומאה; אייבערשטער נאר דו קענסט מיר העלפן, אינדרויסן זע איך אויס ווי א גוטער מענטש, אבער אינעווייניג איז זייער ביטער".**

אזוי זאלסטו בעטן דעם אייבערשטן יעדן טאג, ווייל נאר תפילה קען העלפן, נאר אמונה קען העלפן; בפרט ווען מען פאלט אין שמירת עיניים און אין ניאוף, דעמאלט איז מען אין א גרויסע סכנה און מען קען זיך דערקייקלען זייער ווייט רחמנא לצלן.

דער הייליגער רבי זאגט (ספר המידות, אות ניאוף, חלק ב', סימן יד): "מִי שֶׁעוֹצֵם עֵינָיו מֵרְאוֹת בְּרָע, עַל יְדֵי זֶה נִצּוֹל מִבִּזְיוֹנוֹת", ווער עס היט זיך זיינע אויגן, ער קוקט נישט קיין שלעכטס, דורכדעם ווערט ער געראטעוועט פון בזיונות; מען דארף אסאך בעטן דעם אייבערשטן אויף ריינע אויגן, הייליגע אויגן און געזונטע אויגן.

ר' נתן זכרונו לברכה האט געוואוינט אויפן גאס וואו עס האט זיך געפונען דער מארק, ער האט שטענדיג געהאלטן די פענסטער און די פירהאנג פארמאכט און ער איז קיינמאל נישט צוגעגאנגען צום פענסטער קוקן וואס טוט זיך אין גאס. איינמאל זיצנדיג אין שטוב בשעת'ן שרייבן חדושי תורה האט ער געהערט הויכע קולות פון גאס - אנדערש ווי געוויינליך, האט ער אראפ געלייגט דעם פעדער און געוואלט גיין קוקן וואס עס גייט פאר, ווען ער האט זיך שוין אויפגעשטעלט צו גיין קוקן, האט ער אנגעכאפט דעם טיש און געזאגט צו זיך אליין: **"נתן נתן... איין קוק ווייניגער אויף די וועלט - איז פארט בעסער"**, און ער האט זיך צוריק אראפ געזעצט.

ווען מיר גייען אין גאס דארפן מיר זיך דערמאנען פון ר' נתן און זאגן צו זיך: **"איין קוק ווייניגער אויף די וועלט - איז פארט בעסער"**; א קוק ווייניגער איז א ברי ווייניגער פאר די נשמה.

היינט נאכט איז דא א סעודה אין ישיבה לכבוד ל"ג בעומר. דער הייליגער רבי האט אמאל געזאגט ל"ג בעומר: "די חתונה איז אין מירון, אבער דער חתן איז דא"; ווייל דער הייליגער רבי לערנט אונז אויס דאס וואס דער הייליגער תנא ר' שמעון האט מגלה געווען אינעם הייליגן זוהר, דער רבי ברענגט אונז צום אייבערשטן.

דער יצר הרע טוט אלעס אויף דער וועלט אז מען זאל נישט מקורב ווערן צום רבי'ן, און אויך די וואס זענען שוין יא ביים רבי'ן טוט ער אלעס זיי אוועק צו נעמען פון רבי'ן; געדענק וואס דער רבי האט געזאגט פאר ר' ליפא (חיי מוהר"ן, סימן שטו): "תָּמֵהַּ אֲנִי אֵיךְ מַשְׁלִיכִים חֲבוּרָה אֲהוּבָה וַחֲבִיבָה כָּזוֹ", עס וואונדערט מיר ווי אזוי זאל א מענטש אפלאזן אזא באליבטע חבורה ווי מיר האבן; מאך זיך א חשבון, ווער ברענגט מיר צום אייבערשטן? ווער דערמאנט מיר - ווען עס איז מיר זייער ענג - אז עס איז דא א גאט אויף דער וועלט? ווער וועקט מיר אויף יעדן טאג איך זאל נעמען דעם דף גמרא? ווער עפענט מיר מיין מויל איך זאל זאגן אווארט צום אייבערשטן? נאר דער רבי, דארף מען זיך מאכן א שטארקע קניפ נישט אפצולאזן דעם רבי'ן.

איך האף דיר צו זען ביי די סעודה.

...

~~~~~~~~~~

**א מנוול קומט אן אין תפיסה, מ׳דארף זיך ווייטער שטארקן אין לעבן**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ד׳ פרשת אמור, י״ז אייר, ל״ב לעומר, שנת תשע״ח לפרט קטן

**לכבוד ... תחי׳**

דאס איז דער סוף פון א מנוול, א מנוול קומט אן אין תפיסה; בפרט אז א מענטש זאל נעמען די אייגענע קינדער און טון מיט זיי עבירות רחמנא לצלן, קומט פאר דעם תפיסה.

איך פארשטיי אז עס איז אייך זייער שווער, איר גייט אריבער פון דעם שרעקליכע צער און בזיונות וכו׳, אבער איר דארפט יעצט טראכטן פון אייער אייגענע לעבן; דער אייבערשטער זאל אייך העלפן איר זאלט זוכה זיין אויפצושטעלן א שיינע שטוב.

זעט צו זאגן תהילים יעדן טאג און בעטס דעם אייבערשטן אויף אידיש אלעס וואס איר דארפט. בשעת איר זענט באשעפטיגט מיט די שטוב ארבעט, ווען איר וואשט די געשיר, איר זענט מסדר די וועש וכו׳, זאלט איר רעדן צום אייבערשטן, ווייל ביים אייבערשטן איז זייער חשוב תפילות פון פרויען.

מען האט אמאל געזאגט פארן רבי׳ן אז דער בעל שם טוב זכותו יגן עלינו האט געזאגט: ״ווען משיח וועט קומען וועט מען מבטל זיין אלע ווייבער שול׳ן״, האט דער רבי געזאגט: ״עס איז נישט אמת, עס קען נישט זיין אז דער בעל שם טוב האט דאס געזאגט, פונקט פארקערט! משיח וועט קומען בזכות די תפילות פון אידישע פרויען וואס זיי דאווענען און בעטן אז משיח זאל קומען״; זעט מען פון דעם אז דער רבי האט זייער שטארק געהאלטן פון תפילות פון פרויען.

דער אייבערשטער זאל רחמנות האבן אויף אידישע קינדער און שיקן דעם גואל צדק במהרה בימינו, אמן.

...

~~~~~~~~~~

**מיט א שטארקע אמונה ועסטו ארויסקריכן פון דיין צרה**

בעזרת ה' יתברך - יום ד' פרשת אמור, י"ז אייר, ל"ב לעומר, שנת תשע"ח לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

עס גייט נישט אריבער א טאג וואס איך בעט נישט פאר דיר, דיין ווייב און קינדער.

ווער איז מיר אזוי נאנט צום הארצן ווי דו און דיין משפחה, דו ביסט דאך ביי מיר ווי א קינד; איך גלייב אז דער אייבערשטער וועט דיר העלפן און דו גייסט איין טאג ארויס קריכן פון דיין צרה. און אויב דו און דיין ווייב וואלטן געגלייבט אז די ישועה איז שוין גאר נאנט, וואלט איר שוין לאנג ארויס פון דעם פלאנטער.

דער הייליגער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק א', סימן קצג): "דַּע שֶׁהַמַּחֲשָׁבָה יֵשׁ לָהּ תֹּקֶף גָּדוֹל, וְאִם יְחַזֵּק וִיגַבֵּר מַחֲשַׁבְתּוֹ עַל אֵיזֶה דָּבָר שֶׁבָּעוֹלָם, יוּכַל לִפְעֹל שֶׁיִּהְיֶה כַּךְ", די מחשבה איז זייער א שטארקע זאך, און אויב א מענטש לייגט אריין זיין מחשבה אין א געוויסע זאך, וועט ער ברענגען די זאך צו זיך, סיי לטוב און סיי פארקערט חס ושלום, "וַאֲפִילוּ אִם יְחַזֵּק מַחֲשַׁבְתּוֹ מְאֹד שֶׁיִּהְיֶה לוֹ מָמוֹן, בְּוַדַּאי יִהְיֶה לוֹ, וְכֵן בְּכָל דָּבָר", און אפילו אויב דער מענטש וועט אריין לייגן זיין מח מחשבה אין געלט וועט ער האבן געלט, און אזוי איז ביי יעדע זאך, אויב א מענטש טראכט א גאנצן צייט א געוויסע מחשבה וועט ער אנקומען צו דעם.

דערפאר האט דער רבי געזאגט (שיחות הר"ן, סימן ח): "כְּשֶׁלּוֹמְדִין מִלֵּי דְּפוּרְעָנוּתָא (כְּגוֹן כְּשֶׁלּוֹמְדִין הִלְכוֹת אֲבֵלוּת וְכַיּוֹצֵא) אֵין לְעַיֵּן שָׁם הַרְבֵּה", ווען מען לערנט הלכות אבילות זאל מען זיך נישט אריין טון צו שטארק דערין, "כִּי אֵין צְרִיכִין לְהַעֲמִיק הַמַּחֲשָׁבָה בִּמְקוֹמוֹת כָּאֵלּוּ. כִּי הַמַּחֲשָׁבָה יֵשׁ לָהּ תֹּקֶף גָּדוֹל", עס איז נישט גוט מען זאל טראכטן שלעכטס, ווייל די מחשבה האט א שטארקע קראפט אויפן מענטש, "וְעַל־כֵּן צְרִיכִין לַעֲבֹר בִּמְהִירוּת מְקוֹמוֹת כָּאֵלּוּ", דעריבער זאגט דער רבי איז נישט גוט צו טראכטן שלעכטע מחשבות, ווייל דאס קען ברענגען שלעכטס.

ווען מען לעבט מיט בטחון, מען פארלאזט זיך אויפן אייבערשטן דעמאלט האט מען נישט קיין שום פחדים, אזוי ווי דער הייליגער רבי זאגט (ספר המידות, אות בטחון, סימן א'): "מִי שֶׁיֵּשׁ לוֹ בִּטָּחוֹן, אֵין לוֹ שׁוּם פַּחַד", ווער עס האט בטחון האט נישט קיין פחדים פון קיינעם; ווייל ער ווייסט אז דער אייבערשטער איז מיט אים, ביי אים און נעבן אים און ער ליגט אין זיינע הענט, אזוי ווי דוד המלך זאגט (תהלים קלא, ב): "כְּגָמֻל עֲלֵי אִמּוֹ כַּגָּמֻל

עָלַי נַפְשִׁי", איך בין ווי א קינד וואס פארלאזט זיך אויף די מאמע אן קיין שום דאגות און אן קיין שום פחדים.

איי ווערסטו פרעגן וואס וועט זיין ביז דער אייבערשטער וועט העלפן? ביז דער אייבערשטער וועט העלפן וועט אויך דער אייבערשטער העלפן; דער אייבערשטער שיקט נישט א צרה פאר א מענטש נאר אז דער מענטש קען עס דערהייבן.

שטארק דיך מיט אלע דיינע כוחות און שטארק דיין ווייב; מיין נישט אז איך פארשטיי דיר נישט, איך ווייס זייער גוט וואס דו גייסט אריבער. מיין הארץ איז צעריסן פאר דיר, עס שטעכט מיר אין הארץ דיין צרה, אבער אויפגעבן איז נישט קיין עצה; אז דו וועסט זיך דערהאלטן וועסטו ארויסקריכן פון דעם.

איך האף אז דו לערנסט דיינע שיעורים יעדן טאג; אביסל חומש רש"י, אביסל משניות און לכל הפחות א דף גמרא. ווען מענטשן וואלטן געוואוסט ווי גוט עס איז זיך צו באהאלטן אין די תורה וואלטן אלע געלערנט תורה, בפרט אז מען האט דעם סדר דרך הלימוד פון הייליגן רבי'ן (כמבואר בשיחות הר"ן, סימן עו) איז דאך נישט דא קיין בעסערע זאך אויף דער וועלט.

וואס האט דער הייליגער תנא רבי שמעון בר יוחאי געטון ווען עס איז ארויס אויף אים א גזירה און מען האט אים געוואלט הרג'נען? דערציילט די גמרא (שבת לג:): "אֲזַל הוּא וּבְרֵיהּ טָשׁוּ בֵּי מִדְרָשָׁא", ער האט זיך באהאלטן אין שול מיט זיין זון רבי אלעזר; זעט מען פון דעם אז אויב מען וויל זיך באהאלטן ווען מען האט א צרה קען מען זיך נאר באהאלטן ביים אייבערשטן און ביי די תורה.

נאכאמאל, איך בין זיכער אן קיין שום ספק אז דו וועסט ארויס קריכן פון דיין צרה בקרוב ממש.

...

~~~~~~~~~~

**דאס גרויסקייט פון ל"ג בעומר; מ'קען פועל'ן ישועות ביים ספר הזוהר אזוי ווי ביים ציון אין מירון; דער ספר הזוהר איז א תיקון פאר עבירות; אפילו ווען מ'ליגט אין א טיפע חלשות וועקט אונז דער רבי אויף; זיך היטן פונעם "עפל" וואס שלעפט איין דעם מענטש; היינט איז זייער געאייגנט צו מאכן אן החלטה אפצולאזן די שמוציגע כלים - א תפלה דערויף.**

בעזרת ה' יתברך - יום ה' פרשת אמור, י"ח אייר, ל"ג בעומר, שנת תשע"ז לפרט קטן
~~~~~~~~~~

**לכבוד ... נרו יאיר**

היינט איז זייער א גרויסער טאג; אפילו די וואס זענען נישט זוכה צו זיין ביי רבי שמעון אין מירון קענען היינט פועל'ן גרויסע ישועות. מען קען זיך מקשר זיין מיט א צדיק וואו מען געפונט זיך נאר, ווייל די קדושה פונעם צדיק איז אין די גאנצע וועלט. מען קען פועל'ן גרויסע ישועות אינעם היינטיגן טאג; מען בעט דעם אייבערשטן וואס מען דארף, אז בזכות דעם הייליגן תנא רבי שמעון בר יוחאי זאל מען זוכה זיין צו אלע השפעות טובות.

בפרט אז מען איז זוכה צו לערנען די ספרים פון א צדיק איז אזוי ווי מען איז זיך משתטח אויפן ציון פונעם צדיק; דער הייליגער מאור עינים זכותו יגן עלינו זאגט (ישמח לב, מסכת שבת) אז אויב מען לערנט א ספר פון א צדיק איז כאילו מען איז יעצט ביים צדיק און ער הערט אויס וואס מען בעט; דעריבער איז היינט א פאסיגע צייט צו מאכן אן התחלה אנצוהייבן לערנען דעם ספר זוהר הקדוש און דעם ספר תיקוני זוהר, און בשעת מען זאגט די הייליגע ווערטער פונעם זוהר בעט מען דעם אייבערשטן אלעס וואס דרוקט אויפן הארץ, אזוי וועט מען זיכער פועל'ן ישועות.

א איד איז געקומען צום הייליגן אריז"ל בעטן א תיקון אויף זיינע עבירות; דער איד איז שוין נעבעך געווען איינגעזינקען אין שאול תחתית ומתחתיו, ער האט עובר געווען אויף כריתות ומיתות בית דין רחמנא לצלן, האט אים דער הייליגער אריז"ל געגעבן א תיקון ער זאל יעדן טאג זאגן פינף דפים תיקוני זוהר, דער איד האט דאס מקיים געווען און איז געווארן א בעל תשובה און א גרויסער צדיק; ווייל די ווערטער פון זוהר איז אזוי הייליג אז דער מענטש וואס זאגט נאר די ווערטער ווערט אינגאנצן טהור.

ברידער טייערער, ווען וועסטו זיך אויפוועקן פון דיין טיפן שלאף?! דו שלאפסט א טיפע שלאף! די בת מלך האלט דיר אין איין אויפוועקן אבער מען קען דיר נישט דערוועקן, זי קלאגט און וויינט; זי זאגט: **"עס איז א גרויס רחמנות אויף דיר און אויף מיר, באשר אזא לאנגע צייט וואס דו ווילסט מיר ארויס נעמען פון דא, און פון איין טאג וועגן האסטו אלעס פארלוירן"**, דו האסט ארייין געביסן אינעם עפל און דו ליגסט אינגאנצן חלשות; ליכא מידי דלא רמיזא, דער רבי כאפט אן אן "עפל" (סיפורי מעשיות מעשה א, מאבידת בת מלך) דאס גייט ארויף אויף די היינטיגע שלעכטע כלים פון די קאמפאני "עפל", וואס ווער עס בייסט ארייין אין דעם פאלט אראפ חלשות; אז מען היט זיך נישט די אויגן, מען היט זיך נישט די מחשבה פאלט מען אראפ אין מען שלאפט, מען פארלירט דעם הארץ צו דאווענען און צו לערנען, מען פארלירט אלעס, אבער דער צדיק

האט דאך רחמנות אויף אונז און ער וועקט אונז, דער רבי וועקט אונז אויף, ער לאזט נישט שלאפן, ער בעט זיך: "שטיי אויף! ליג נישט אין דיין מרה שחורה! נעם א חומש, נעם א משניות, נעם א גמרא, הייב אן זאגן די ווערטער פון די הייליגע תורה, וועסטו געראטעוועט ווערן פון אלעם שלעכטס".

איך בעט דיר טייערער חבר, היינט איז א טאג וואס מען קען פועל'ן גרויסע זאכן, מען קען זיך מטהר זיין, מען קען ווערן ריין; אבער ווען מען גייט אין מקוה זיך מטהר זיין דארף מען אפלאזן דעם שרץ, ווייל חכמינו זכרונם לברכה זאגן (תענית טז.): "אָדָם שֶׁתּוֹפֵס שֶׁרֶץ בְּיָדוֹ, אֲפִלּוּ טוֹבֵל בְּכָל מֵימוֹת שֶׁבָּעוֹלָם לֹא עָלְתָה לוֹ טְבִילָה, זְרָקוֹ מִיָּדוֹ כֵּיוָן שֶׁטָּבַל בְּאַרְבָּעִים סָאָה מִיַּד עָלְתָה לוֹ טְבִילָה", א מענטש וואס האלט אן א טויטע שרץ העלפט נישט קיין מקוה, אפילו אויב א מענטש טובל'ט זיך ווערט ער ריין, אבער אויב ער האלט אן דעם טויטן שרץ ווערט ער נישט ריין; בעט איך דיר: "ווארף אוועק דעם שרץ, דעם שמוציגן כלי וואס דו קוקסט אויף דעם שמוץ און ניאוף, דאס איז דער טויטע 'מייז'; ווייל ווי לאנג דו ווילסט נישט אפלאזן דעם טויטן מייז קענסטו זיך נישט ריייניגן".

היינט מאך דיין גוטע החלטה; בזכות התנא אלוקי רבי שמעון בר יוחאי, ווארף אוועק דיין כלי וואס דו קוקסט דערויף שמוץ. לאז אפ דיינע שלעכטע חברים וואס מאכן ליצנות פון צדיקים און פון די תורה, לאז אפ אלע שלעכטע קשרים; היינט איז א פייער'דיגע טאג, א הייליגע טאג, היינט קען מען פועל'ן גרויסע זאכן. דער עיקר וואס מיר דארפן פועל'ן מיר זאל שוין פטור ווערן פון דעם יצר הרע וואס לאזט אונז נישט אפ, בעט דעם אייבערשטן:

"הייליגער באשעפער, איך בעט דיר זייער, העלף מיר איך זאל זוכה זיין צו זיין ערליך, העלף מיר איך זאל אפלאזן אלע מיינע שלעכטע מעשים, העלף מיר איך זאל זיין אן ערליכער איד. געב מיר כח איך זאל זיך קענען שטארקן און אפלאזן אלע מיינע שלעכטע געוואוינהייטן.

רבונו של עולם היינט איז ל"ג בעומר, א הייליגע טאג; איך וויל האבן א שייכות מיט רבי שמעון בר יוחאי, איך וויל אויך זיין א צדיק, אבער עס איז מיר אזוי שווער. העלף מיר איך זאל שוין איינמאל פאר אלעמאל אפלאזן מיינע אלטע מעשים; יעדע מאל איך מאך אפ אז איך גיי זיין גוט, זע איך מיר נאכדעם צוריק אין מיינע אלטע שמוץ, ממש כְּכֶלֶב שָׁב אֶל קֵיאוֹ, ווי א הינט וואס גייט צוריק צו זיין ברעכאכץ. איך ווייס אז די אלע זאכן וואס איך טו איז נישט גוט, אבער איך שפיר ווי איך בין פארקנעכטעט צו דעם, ווי הייב איך אן? וואס טו איך דא?!

רבונו של עולם, העלף מיר איך זאל יעדן טאג לערנען אביסל חומש, משניות, גמרא און הלכה; העלף מיר איך זאל זאגן אביסל תהילים יעדן טאג. באשעפער איך וויל זיין גוט, אבער איך פאל כסדר צוריק. העלף אז בזכות התנא אלוקי רבי שמעון בר יוחאי און בזכות אלע צדיקים וואס האבן זיך מוסר נפש געוועזן פאר דיר, זאלן מיר שוין אויסגעלייזט ווערן פונעם גלות און איך זאל ארויס גיין פון מיין אייגענע גלות, אמן.״

אזוי זאלסטו זיך אויסגיסן דיין הארץ צום אייבערשטן, וועסטו זוכה זיין צו ווערן ריין און הייליג.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

...

~~~~~~~~~~

**די בארד און פאות ברענגען אלעס גוטס**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ה׳ פרשת אמור, י״ח אייר, ל״ג לעומר, שנת תשע״ח לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

איך פריי מיך זייער אז דו קומסט אין ישיבה יעדן טאג, דו לערנסט דיינע שיעורים כסדרן, און בעיקר אז דו ביסט שטאלץ מיט דיין צלם אלוקים, דו רירסט נישט אן דיין בארד און פיאות.

עס איז א רחמנות אויף די בחורים וואס שניידן זייער בארד; דער בארד איז דער צינור צו ברענגען די שפע פונעם אייבערשטן צום מענטש. אין זוהר הקדוש ווערט די בארד אנגערופן: ״צִינּוֹרוֹת עֶלְיוֹנִים״; דאס זענען רערן (פייפס) וואס דורך דעם קומט אראפ פארן מענטש שפע ברכה און הצלחה, און אויב מען שניידט די בארד און פיאות שניידט מען אפ אלע רערן (פייפס) פון פרנסה וואס דארף קומען צום מענטש; וואויל איז דיר אז דו ביסט שטארק מיט דיין בארד און פיאות, וואויל איז דיר אז דו טאנצט נישט נאך די אלע וואס מאכן אוועק דעם צלם אלוקים.

א גרויסן יישר כח פארן מיר העלפן מיט די ל״ג בעומר סעודה; יעדע זאך וואס מען טוט צו העלפן די ישיבה העלפט מען זיך אליינס. דאס וואס דו העלפסט רייניגן די ישיבה - טוסטו פאר דיר אליינס, ווייל די זכותים וועלן דיר אנטקעגן קומען אין לעבן.

שרייב מיר נאך; איך בין זיך מחי׳ יעדעס מאל ווען דו שרייבסט מיר, לכל הפחות זאלסטו מיר שרייבן איין מאל א וואך.

...
~~~~~~~~~~

~~~~~~~~~~~

**וואס מיר קענען זיך לערנען פונעם גרויסן צדיק רבי מנחם מענדל מרימנוב זי"ע; די ברכות צו וואס מען איז זוכה ווען די פרוי גייט בצניעות; די הארבקייט פון ביי-האר; דער מאן דארף מחזק זיין די ווייב צו גיין בצניעות - נישט אפקילן ח"ו; דאס שעדליכקייט פון נוצן ארבעטס טעלעפאן וכדומה אין שטוב.**

בעזרת ה' יתברך - ערב שבת קודש פ' אמור, י"ט אייר, ל"ד לעומר, שנת תשע"ח לפ"ק

**לכבוד ... נרו יאיר**

היינט געפאלט דער יארצייט פון הרב הקדוש רבי מנחם מענדל מרימנוב זכותו יגן עלינו. עס איז ידוע וואס ער האט צוגעזאגט אז ווער עס וועט צינדן א ליכט פאר זיין נשמה "לזכות מנחם מענדל בן ר' יוסף" וועט ער א טובה טון.

דער הייליגער רבי מענדעלע רימנובער זכותו יגן עלינו האט זיין גאנץ לעבן לוחם געווען אנטקעגן די וואס טוען זיך אן ווי די גוים; בפרט ביי פרויען האט ער זייער מזהיר געווען מען זאל אכטונג געבן אויף צניעות, ווייל אז מען גייט נישט אנגעטון צניעות'דיג טרייבט מען אוועק כביכול דעם אייבערשטן, אזוי ווי עס שטייט אין די תורה (דברים כג, טו): "כִּי ה' אֱלֹקֶיךָ מִתְהַלֵּךְ בְּקֶרֶב מַחֲנֶךָ, לְהַצִּילְךָ וְלָתֵת אֹיְבֶיךָ לְפָנֶיךָ, וְהָיָה מַחֲנֶיךָ קָדוֹשׁ, וְלֹא יִרְאֶה בְךָ עֶרְוַת דָּבָר, וְשָׁב מֵאַחֲרֶיךָ", דער אייבערשטער זאגט: איר זאלט זיך פירן הייליג, ווייל אויב איר וועט זיך פירן נישט צניעות'דיג וועל איך אוועק גיין פון צווישן אייך; אויב א פרוי געבט אכטונג ווי אזוי זי טוט זיך אן, זי גייט נאר אנגעטון צניעות'דיג, זאגט דער אייבערשטער: 'איך וועל רוען ביי אייך אין שטוב', און אז דער אייבערשטער איז אין שטוב איז דא א ברכה, איז דא פרנסה, איז דא נחת, ס'איז דא אלעס; אבער אויב די פרוי גייט נישט אנגעטון צניעות'דיג, טרייבט זי ארויס דעם אייבערשטן פון איר שטוב.

איך בעט דיר זייער דו זאלסט מחזק זיין דיין ווייב זי זאל בלייבן אפגעשארן; זי וויל זיין ערליך, זי וויל פאלגן וואס די צדיקים זאגן, פארוואס זאלסטו איר באצוואונגען זי זאל זיך לאזן וואקסן די האר?! פארוואס זאלסטו חוזק מאכן פון איר אז זי פירט זיך ערליך?! זי וויל זיין גוט, זי איז אנגעפילט מיט אמונת חכמים, זי ווייסט נאר וואס צדיקים זאגן, פארוואס זאלסטו איר אראפ רייסן און אויפווייזן אז מען קען יא גיין מיט אייגענע האר?! איך וויל דיר פרעגן: "דו ביסט קלוגער פון אלע צדיקים?! דו פארשטייסט בעסער פון דער הייליגער תנא רבי שמעון בן יוחאי?!"
~~~~~~~~~~~

נעכטן האט זיך די גאנצע וועלט געפריידט מיט דעם הייליגן תנא רבי שמעון בר יוחאי; לאמיר זען וואס ער זאגט - צי א פרוי מעג גיין מיט אייגענע האר; דער זוהר הקדוש זאגט (נשא קכ"ה ע"ב): "תּוּנְבָּא לֵיתֵי" א קללה זאל קומען, "עַל הַהוּא בַּר נָשׁ" אויף דעם מענטש, "דְּשָׁבַק לְאִנְתְּתֵיהּ" וואס לאזט זיין ווייב, "דְּתִתְחַזֵּי מִשַּׂעֲרָא דְּרֵישָׁהּ לְבַר" אז איר האר פון קאפ זאל זיך ארויסזען. "וְדָא הוּא חַד מֵאִינּוּן צְנִיעוּתָא דְּבֵיתָא" און דאס איז פון די יסודות פון א אידישע שטוב, אז מען זאל נישט זען די האר פון די פרוי.

קודם זעט מען אן אינטערעסאנטע זאך, אז דער זוהר רעדט נישט צום פרוי, ער רעדט צום מאן: 'תּוּנְבָּא לֵיתֵי עַל הַהוּא "בַּר נָשׁ"', א קללה זאל קומען אויף 'דעם מענטש', 'דְּשָׁבַק לְאִנְתְּתֵיהּ' וואס לאזט זיין ווייב, 'דְּתִתְחַזֵּי מִשַּׂעֲרָא דְּרֵישָׁהּ לְבַר', גיין מיט די האר אויפגעדעקט, זעט מען אז עס איז תלוי אינעם מאן; דער מאן דארף מחזק זיין די ווייב אז זי זאל נישט לאזן איר האר זיך ארויסזען, ווייל אלע צרות קומען פון דעם וואס מען לאזט די האר זיך ארויס זען.

זאגט ווייטער דער הייליגער זוהר: "וְאִתְּתָא דַּאֲפִיקַת מִשַּׂעֲרָא דְּרֵישָׁהּ לְבַר" און א פרוי וואס גייט מיט אויפגעדעקטע האר, "לְאִתְתַּקְּנָא בֵּיהּ" זיך שיין צו מאכן, "גָּרִים מִסְכְּנוּתָא לְבֵיתָא" איז זי גורם אז עס זאל הערשן אן ארימקייט אין שטוב, "וְגָרִים לִבְנָהָא דְּלָא יִתְחַשְּׁבוּן בְּדָרָא" און זי איז גורם אז אירע קינדער וועלן נישט מצליח זיין און זיי וועלן נישט זיין חשוב, "וְגָרִים מִלָּה אַחֲרָא דְּשַׁרְיָא בְּבֵיתָא" אויך איז זי גורם אז דער ס"מ און די נישט גוטע זאלן זיין אין איר שטוב. זאגט ווייטער דער זוהר: "מַאן גָּרִים דָּא?" ווער איז דאס אלעס גורם? "הַהוּא שַׂעֲרָא דְּאִתְחַזֵּי מֵרֵישָׁהּ לְבַר" די פרוי וואס איר האר זעט זיך ארויס.

מוהרא"ש האט מיר כמה פעמים געזאגט: "מען וואלט געקענט איינשפארן אסאך צרות און יסורים ווען נישט דאס ביסל האר, אבער וואס זאל מען טון אז מענטשן זענען ענדערש גרייט צו ליידן אלע צרות ויסורים אבי צו בלייבן מיט די האר און זיך נישט אפשערן".

דער הייליגער צדיק רבי פנחס קאריצער זכותו יגן עלינו האט געזאגט: "די גאנצע גאולה הענגט אויף א האר", און ער האט מסביר געווען אז עס הענגט אויף די 'האר' פון די פרויען וואס ווילן זיך נישט אפשערן; זעט מען אז דער גאנצע גלות וואלט מען געקענט אויסמיידן ווען מען וואלט אכטונג געגעבן אויף צניעות.

מוהרא"ש האט מיר געזאגט: "עס קומען אריין צו מיר יעדן טאג מענטשן מיט שווערע צרות און ווען זיי שערן זיך ווען אפ די האר וואלטן זיי געקענט אלעס אוועקנעמען, אבער זיי עקשנ'ען זיך וועגן דאס ביסל האר".

דער הייליגער רבי זאגט (ספר המדות, אות בנים, סימן ט): "צְנִיעוּת שֶׁבָּאִשָּׁה מְזַכָּה לָהּ לְבָנִים הֲגוּנִים", אז א פרוי געבט אכטונג אויף צניעות וועט זי זוכה זיין צו גוטע קינדער; מען געבט זיך איין דריי און מען האט שוין גרויסע קינדער, ווער וויל נישט נחת? ווער וויל זיך מוטשען? וואס וועסטו דעמאלט קענען טון? וואס וועסטו האבן פון דאס ביסל ווייסע האר וואס דיין ווייב וועט האבן? גארנישט! נאר צרות און יסורים.

איך בעט דיר זייער זאלסט ווייזן דעם בריוו פאר דיין ווייב; זיי איר מחזק, זאג איר: "איך בעט דיר איבער, איך גיי דיר מער נישט אונטער רייסן; איך וויל דו זאלסט זיך ווייטער פירן בצניעות".

טייערער ברודער דו האסט א פראבלעם; דו מיינסט אז צניעות איז א אלט מאדישע זאך, דו מיינסט אז אויב דו וועסט אנטון דיין שטוב מער פראסט וועט דיר דאס מער פרייליך מאכן, אבער עס איז פונקט פארקערט; ווי מער דו וועסט פארלאנגען פון דיין ווייב זי זאל אוועק גיין פון צניעות וועט דיר דאס קאסטן שפעטער א טייערע פרייז, סיי מיט איר אליינס און סיי מיט די קינדער.

איך האף אז דו האסט געהערט וואס מיר האבן גערעדט ל"ג בעומר; וויפיל מיר האבן גערעדט איז נאך גארנישט וויפיל מען דארף רעדן פון דעם חורבן. ווייל וויפיל מען זאל נאר רעדן וועגן דעם חומר הענין פון האבן אין שטוב א קאמפיוטער, סמארט-פאון וכו' איז נישט גענוג; דאס האט שוין leider חרוב געמאכט צענדליגער משפחות, א מענטש כאפט נישט אז ער מאכט זיך חרוב זיין שטוב מיט זיינע אייגענע הענט מיט דעם וואס ער ברענגט אריין אין שטוב א כלי וואס מען קען קוקן דערויף מאוויס וכדומה לזה.

קודם כל, ווי מעג מען בכלל האבן אן אפענע כלי וואו מען קען זען ניאוף און גילוי עריות רחמנא לצלן?! ווען מען האט אן אפענעם קאמפיוטער מיט אינטערנעט אדער אן אייפאד, סמארט-פאון וכו', קען מען דאך זען אלע שמוץ אויף דער וועלט; דאס נעמט אוועק די גאנצע יראת שמים פון א מענטש, דאס קילט אפ די אמונה פון א איד און ברענגט אריין אין אים כפירות און אפיקורסות, און נאכדעם ווערט מען אינגאנצן אומגליקליך.

ווען מען קוקט שמוציגע מאוויס וכו' ווערט מען צוגעקלעבט צו דעם, ביז עס איז זייער שווער זיך אפצוגעוואוינען דערפון; אזוי ווי די וואס זענען צוגעבינדן (עדיקטעד) צו דראגס וכו' אדער צו אלקאהאל וכו' קענען זיך נישט אפרייסן דערפון, אזוי אויך דער וואס האט א קאמפיוטער מיט אינטערנעט, אדער א אייפאד, סמארט-פאון וכו' און קוקט שמוציגע מאוויס וכו', דער ווערט אזוי צוגעקלעבט דערצו, ביז עס איז אים שוין זייער

שווער ארויסצוקריכן פון דעם. דער מח ווערט אינגאנצן אויסגעברענט פון די אלע עקעלדיגע שמוציגע מאוויס, ביז מען פאלט אראפ אין ביטערע עבירות רחמנא לצלן, און נאכדעם הייבט מען אן צו האבן קשיות אויף די אמונה רחמנא לצלן. דערפאר טאר מען נישט האבן אין שטוב אן אפענעם קאמפיוטער מיט אינטערנעט, אדער א סמארט-פאון.

חכמינו זכרונם לברכה זאגן (סנהדרין מה.): "אֵין יֵצֶר הָרָע שׁוֹלֵט אֶלָּא בַּמֶּה שֶׁעֵינָיו רוֹאוֹת", ווען מען היט זיך נישט די אויגן, מען קוקט אויף שמוציגע בילדער, מען קוקט אויף שמוציגע מאוויס, פאלט מען אראפ אין עבירות; וואויל איז דעם וואס האט שכל און פאלגט וואס אלע ערליכע אידן זאגן, ער האלט זיין שטוב ערליך און ריין, דער וועט זוכה זיין צו זען נחת ביי זיינע קינדער און אייניקלעך.

וויפיל בריוו האט מוהרא"ש זכרונו לברכה געשריבן צו תלמידי היכל הקודש, ווי ער בעט זיך מיר זאלן אכטונג געבן אויף אונזערע קינדער, אויף אונזערע דורות און מיר זאלן נישט האבן אין שטוב קיין קאמפיוטער, סמארט-פאון, אייפאד; וויפיל האט מוהרא"ש געוויינט ביי די שיעורים מיר זאלן נישט האבן קיין שום שייכות מיט סאשעל מידיע, פארוואס דארפסטו זיין קלוגער פון אלע ערליכע אידן? מילא דארפסט דאס פאר די ארבעט איז איין זאך, אבער פארוואס זאלסטו דאס האבן אין שטוב?!

איך בעט דיר זייער, אז דו קומסט צו מיר און דו פאררופסט זיך אלץ א תלמיד פון ישיבה, זאלסטו אנעמען מיינע ווערטער וואס איך בעט דיר: "פאר דיין טובה וועגן ברענג נישט אהיים דיין סמארט-פאון; פאר דיין טובה וועגן ברענג נישט אהיים דיין ארבעטס טעבלעט. אין שטוב זאלסטו שמועסן מיט דיין ווייב און קינדער, אין שטוב זאלסטו האבן דיין קאפ מיט דיר".

איך בעט דעם אייבערשטן אז מיינע ווערטער זאלן אריין גיין אין דיין הארץ.

א פרייליכן שבת.

...

~~~~~~~~~~~

**מ'דארף שוין מאכן נאך א סידי פון ניגוני אמונה**

בעזרת ה' יתברך - ערב שבת קודש פ' אמור, י"ט אייר, ל"ד לעומר, שנת תשע"ח לפ"ק

**לכבוד ... נרו יאיר**
~~~~~~~~~~~

מיין גרעסטע הנאה איז צו הערן ווי פלייסיג דו לערנסט; דו האסט מיר זייער מחי׳ געווען מיט די בשורה טובה אז דו האסט מסיים געווען מסכת כתובות די וואך. נאר דאס וועט איבערבלייבן פון אונז, די בלעטער גמרא, פרקים משניות און סימנים שלחן ערוך.

אפשר קענסטו רעדן מיט האברך ... נרו יאיר ער זאל אונז העלפן ריקארדירן נאך א סידי; מיר האבן שוין גרייט נאך א סידי: ״טאנץ מיט אמונה 3#״, און עס איז ממש א שאד די צייט וואס מען ווארט, ווייל אין אפאר וואכן פארן מיר שוין אין קעמפ, און גלייך נאך קעמפ פארן מיר קיין אומאן צום הייליגן רבי׳ן אויף ראש השנה, וועט זיך דאס אפשטופן פאר נאך א יאר...

זיי אים מסביר דאס גרויסקייט פון הפצה; אפשר ווייסט ער נישט וויפיל אידן זענען זיך מחי׳ און מחזק מיט די ניגונים פון אמונה. צענדליגער טויזנטער אידן זענען זיך מחזק מיט די ניגונים וואס ברענגט אריין אין זיי אמונה; בעט אים אז ער זאל מאכן צייט פאר דעם.

שטארק דיך טייערער ...; זיי ממשיך צו העלפן מיט וואס דו קענסט נאר אז מיר זאלן קענען אריין ברענגען דעם אייבערשטן אין די גאנצע וועלט.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

...

~~~~~~~~~~

### מ׳מוז זיך שטארקן אין הדפסה און הפצה

בעזרת ה׳ יתברך - ערב שבת קודש פ׳ אמור, י״ט אייר, ל״ד לעומר, שנת תשע״ח לפ״ק

**לכבוד די חשוב׳ע הנהלה פון ״קרן הדפסה היכל הקודש״ כל אחד בשמו הטוב יבורך.**

וואויל איז ענקער חלק אז איר זענט זוכה צו מקיים זיין בשלימות די צוואה וואס מוהרא״ש האט אונז איבערגעלאזט, מיר זאלן דרוקן און זיינע ספרים.

מוהרא״ש שרייבט עטליכע מאל אין זיין צוואה אז ער איז מבטיח אז ווער עס וועט האבן א חלק אין דרוקן זיינע ספרים וועט זען גרויסע ניסים ביי זיין לעבן.

אזוי ווי עס פארמערט זיך די ארבעט אין בית הדפוס, און אין הקומץ משביע את הארי, ווייל געלויבט דעם אייבערשטן עס קומען צו מער און מער מפיצים און מען דארף זיי צושטעלן ספרים, קונטרסים, סידיס, גליונות, וכו׳ וכו׳, דארף מען זען וואס
~~~~~~~~~~

מען טוט ווייטער אז עס זאל זיך נישט אפשטעלן די הדפסה פאר קיין איין רגע, דעריבער וויל איך בעטן אויב איך קען האבן א מיטינג מיט אייך דעם קומענדיגן וואך.

איך ווארט אויף אן ענטפער.

...

~~~~~~~~~~~

**אויב מ׳נעמט נישט אן די קינדער, מוז מען אליין עפענען נאך מוסדות**

בעזרת ה׳ יתברך - ערב שבת קודש פ׳ אמור, י״ט אייר, ל״ד לעומר, שנת תשע״ח לפ״ק

**לכבוד ... נרו יאיר**

דער אייבערשטער זאל דיר העלפן זאלסט מצליח זיין מיט דיין ביזנעס, בזכות די צדקה וואס דו האסט געגעבן.

איך האב נעכטן געהערט אז דו האסט געוואלט איינשרייבן דיין טאכטער אין ... פארן זומער, און זיי האבן דיר געזאגט אז זיי נעמען נישט אן קיין קינדער פון ברסלב; אפילו דיין מיידל איז אינגאנצן צוויי יאר אלט.

קודם האט מיר דאס זייער וויי געטון און איך האב נישט געהאט קיין מנוחה דערפון; איך האב געמאכט התבודדות: ״רבונו של עולם, וואס זענען מיר אזוי אפגע׳פסל׳ט? פארוואס זאלן מיר זיין אזוי פארשעמט? פארוואס זאל מען נישט אנעמען א קליין קינד פון צוויי יאר אלט אין דעי קעמפ פארן זומער ווייל זי גייט אין בית פיגא?״

איך בעט דיר זייער דו זאלסט נישט ווערן צעבראכן דערפון; קוק זיך אן, דו האסט געלערנט ביי זיי אין ישיבה און דו ביסט געווען דארט פון די גרויסע לומדים, ווי וואלסטו היינט געווען ווען דו טרעפסט נישט דעם הייליגן רבי׳ן? וואס וואלט דיר יענער מפורסם געקענט העלפן? דו ביסט א אינגערמאן וואס דארף לויפן ארבעטן מבוקר עד ערב צו קענען שפייזן דיין משפחה, ווען נישט דעם דרך הלימוד וואלסטו געלערנט א אידיש ווארט? ווען נישט דעם רבינ׳ס התחזקות ווי אזוי זיך צו פירן מיט א שווער און שוויגער, מיט טאטע מאמע, ווי אזוי זיך צו פירן מיט א ווייב, ווי וואלסטו געשטאנען היינט?! טאנץ פאר שמחה אז דו ווייסט פונעם הייליגן רבי׳ן.

די גאנצע מחלוקת אויף ברסלב איז ליידער מעשה בעל דבר; דער ס״מ האט זייער מורא פונעם רבי׳ן, ווייל ער ווייסט אז ווי נאר א מענטש ווערט געוואויר פון רבי׳ן, א
~~~~~~~~~~~

מענטש הייבט אן הערן דעם רבינ׳ס עצות און חיזוקים - איז אויס וועלט; אלע וועלן אפלאזן זייערע נארישקייטן און אלע וועלן זיך צוריקקערן צום אייבערשטן.

דער רבי האט א וועג פאר יעדן איינציגסטן איד צו לערנען און ענדיגן כל התורה כולה (כמבואר בשיחות הר"ן, סימן עו), דער רבי האט א שפראך צו אלע געפאלענע נשמות; דאס איז די סיבה פארוואס דער ס״מ האט זיך אזוי פארלייגט אויפן רבי׳ן.

ר׳ נתן איז אמאל אריין געקומען צום רבי׳ן און געזען ווי דער רבי וויינט זייער שטארק, דער רבי האט זיך אנגערופן צו ר׳ נתן: ״אזאנס אויס צו טראכטן אויף מיר, אזאנע לשון הרע׳ס וואס מען דערציילט אויף מיר רחמנא לצלן?״ ר׳ נתן האט נישט געקענט צוקוקן ווי דער רבי וויינט איז ער ארויס פון שטוב. האט ר׳ נתן שפעטער דערציילט: ״דעמאלט האט איך נישט פארשטאנען פארוואס דער רבי וויינט אזוי, וואס גייט אן דעם רבי׳ן וואס יענער זאגט?״ אבער שפעטער ווען דער רבי איז אוועק פון דער וועלט און ער האט געוואלט אריין ברענגען דעם הייליגן רבינ׳ס עצות אין די וועלט און עס האט זיך אנגעהויבן א שרעקליכע התנגדות, מען האט אים גע׳רודפ׳ט מיט שרעקליכע רדיפות, האט ר׳ נתן דעמאלט געזאגט: ״יעצט פארשטיי איך שוין פארוואס דער רבי האט אזוי געוויינט, נישט ווייל יענער האט גערעדט אויף אים, נאר ווייל ער האט געזען אז דורך די מחלוקת און דורך די לשון הרע וואס מען רעדט אויף אים וועלן מענטשן נישט מקורב ווערן צו אים און עס וועט זיין זייער שווער אריין צו ברענגען אין מענטשן די ליכטיגע עצות״.

יעצט זע איך א סימן פון הימל אז איך זאל בלייבן אויפן זומער מיט די חדר און מיידל סקול אין שטאט; הגם רוב משפחות פארן אוועק אין די קאנטרי און עס בלייבן אינגאנצן איבער אפאר משפחות, וועל איך זיך אבער אנשטרענגען צו בלייבן אפן אפילו פאר צוויי דריי משפחות; איך וועל אם ירצה ה׳ אויסארבעטן אז דיין טאכטער זאל קענען בלייבן לערנען זומער אין בית פיגא.

באמת איז די גאנצע מיידל סקול וואס מיר האבן צו פארדאנקען די ... מוסד; זיי האבן ארויסגעווארפן א מיידל ווייל איר ברידער לערנט ביי אונז אין ישיבה, דעמאלט האט מוהרא״ש מיר געשריבן א בריוו אז מיר זאלן עפענען א מיידל סקול.

פון בזיונות קען מען נישט אנטלויפן, אויב עס איז באשערט אריבערצוגיין שווריקייטן דארף מען דאס אריבערגיין; וואויל איז דעם וואס זיינע בזיונות זענען פארן אייבערשטן, אונזערע בזיונות זענען אז מיר זענען ברסלב׳ע חסידים.

איך געדענק ווען מען האט מיר ארויסגעווארפן פון ... ישיבה האט מיר מוהרא״ש מחזק געווען מיט די ווערטער: ״אַשְׁרֶיךָ שֶׁנִּתְפַּסְתָּ עַל דִּבְרֵי תּוֹרָה״, וואויל איז דיר אז

מען האט דיר ארויסגעווארפן וועגן גוטע זאכן, און מוהרא"ש האט מיר דערציילט: "יעצט האט מען ארויס געווארפן א מנהל פון א גרויסע ישיבה נאכדעם וואס מען האט אים געכאפט מיט עבירות; ער פלעגט נעמען יונגע ריינע בחורים און זיי באצוואונגען מיט עבירות רחמנא לצלן. ברוך השם אז דיר האט מען ארויסגעווארפן ווייל דו האסט מזכה געווען בחורים מיט לימוד משניות וכו'".

שטארק זיך און שטארק דיין ווייב תחי'; דער אייבערשטער זאל דיר העלפן זאלסט האבן נחת פון דיינע קינדער.

...

~~~~~~~~~~

**ארויסהעלפן צוגרייטן די פלעי**

בעזרת ה' יתברך - ערב שבת קודש פ' אמור, י"ט אייר, ל"ד לעומר, שנת תשע"ח לפ"ק

**לכבוד ... נרו יאיר**

די מיידלעך פון סקול גייען אם ירצה ה' מאכן א פארשטעלונג נאך שבועות און מען דארף אנגרייטן פאר זיי די פראפס וכו'; וויל איך דיר בעטן אויב דו קענסט מיר העלפן אז די פלעי זאל זיין מיט הצלחה. אלעס וואס מען דארף האבן פאר די פלעי זאלסטו זיי צושטעלן, אזוי וועסטו מיר גרינגער מאכן מיין ארבעט; איך וועל איבער געבן פאר די מנהלת אז אלעס וואס זי דארף פאר די פלעי זאל מען דיר רופן, און איך וועל דיר געבן געלט איינצוקויפן פאר די פלעי.

די מיידלעך גייען פארשטעלן איינע פון די מעשיות פון סיפורי מעשיות; די גאנצע כונה פונעם פלעי איז אז די קליינע קינדער, די גרויסע מיידלעך און אזוי אויך די עלטערן זאלן לעבן מיטן רבינ'ס מעשיות און זיי זאלן אויפוואקסן מיט די שכל פון רבי'ן.

פאריאר האב זיי פארגעשטעלט די מעשה פונעם "בעל תפילה" (מעשה יב), פאר צוויי יאר צוריק האבן זיי פארגעשטעלט די מעשה פונעם "חכם און תם" (מעשה ט), די מעשיות וועלן די קינדער שטענדיג געדענקען.

לייג אריין אין די קינדער אמונה פשוטה; טאנץ מיט זיי: "אלעס איז דער אייבערשטער" און לייג אריין אין זיי יראת שמים.

יעצט זומער ווען עס איז אזוי שווער צו האבן שמירת עינים, דארפסטו אלס מלמד אסאך רעדן מיט זיי ווארעמע ווערטער וועגן דאס גרויסקייט פון זיך היטן די אויגן, און
~~~~~~~~~~

אז מען היט זיך די אויגן איז מען זוכה צו פארשטיין די הייליגע תורה און מען איז זוכה צו די ליכטיגקייט פון די תורה.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

...

~~~~~~~~~~

**נישט אלץ דארף מען טון הכנסת אורחים**

בעזרת ה׳ יתברך - ערב שבת קודש פ׳ אמור, י״ט אייר, ל״ד לעומר, שנת תשע״ח לפ״ק

**לכבוד ... נרו יאיר**

איך האב זייער הנאה יעדעס מאל ווען דו זאגסט מיר דיינע סיומים, זה חלקי מכל עמלי אז איך קען אריין ברענגען לימוד התורה אין נאך א איד.

פון היינט אן זאלסטו אכטונג געבן אז דיין שטוב זאל זיין פרייוועט; נעם נישט אריין ביי דיר אין שטוב קיין בחורים. דו האסט שוין גרויסע טעכטער דארפסטו זיין פארזיכטיג וכו׳; אמת, הכנסת אורחים איז גרעסער פון קבלת פני השכינה (שבת קכז.), אבער דאס קען נישט גיין אויפן חשבון פון צניעות.

יעצט לאז אנדערע חבירים נעמען בחורים אויף שבת; דו האסט א קליינע דירה מיט גרויסע טעכטער ביים טיש, איז נישט כדאי זיך אריין צו לייגן אין פראבלעמען.

אז דו ווילסט האבן א חלק אין די מצוה פון הכנסת אורחים, רעד צו די אינגעלייט וואס האבן גרעסערע דירות אדער צו די וואס האבן נישט קיין עלטערע טעכטער ביים טיש; זאג זיי ווי חשוב עס איז צו נעמען בחורים פון ישיבה וואס האבן נישט וואו צו עסן שבת צו די סעודות שבת, לאז זיי מקיים זיין די מצוה.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

...

~~~~~~~~~~

**צולייגן א האנט אינעם בית הדפוס**

בעזרת ה׳ יתברך - ערב שבת קודש פ׳ אמור, י״ט אייר, ל״ד לעומר, שנת תשע״ח לפ״ק

**לכבוד ... נרו יאיר**

איך וויל דיר בעטן אויב דו קענסט אריין קומען העלפן די "בית הדפוס"; די אינגעלייט און בחורים וואס ארבעטן יעצט דארט קומען נישט אן מיט זייער ארבעט, און דאס בעסטע וועג איז אז מען צעטיילט די ארבעט צווישן אלע חברים. מיר זוכן יעצט א אינגערמאן וואס זאל זיין ממונה אויף די USB'ס; מיר האבן א טייערע מאשין פאר דעם און מען דארף האבן איינער וואס איז גרייט צו ארבעטן מיט דעם מאשין אנצוגרייטן דרשות, ניגונים וכו' פאר די מפיצים.

זיי מיר מודיע אויב דו ווילסט זוכה זיין אין די מצוה, געדענק וואס חכמינו זכרונם לברכה זאגן (אבות ה, יח): "כָּל הַמְזַכֶּה אֶת הָרַבִּים, אֵין חֵטְא בָּא עַל יָדוֹ"; עס ברענט א פייער, מענטשן ווערן פארברענט יעדע רגע, בחורים גייען נעבעך אראפ פון וועג יעדע סעקונדע, און נאר די רבי האט צו זיי א שפראך, די ווערטער פון רבי'ן ברענגט זיי צוריק. איך וויל אויף שטעלן תלמידים וואס דאס זאל זיין זייער גאנצע זאך, ארום גיין מיט איין מחשבה: 'ווי אזוי קען איך העלפן נאך א איד?'

שטארק זיך און שטארק דיין ווייב; ביי דיר איז ממש מקוים געווארן דער ווארט פונעם הייליגן חתם סופר זכותו יגן עלינו ווי אזוי ער טייטשט אויס דעם פסוק (שמות לג, כג): "וְרָאִיתָ אֶת אֲחֹרָי וּפָנַי לֹא יֵרָאוּ", אז א מענטש וויל זען דעם אייבערשטן ווי אזוי ער וועט אים העלפן, דאס הייסט דער פנים פונעם אייבערשטן - דאס קען מען נישט זען, אבער אז מען קוקט צוריק זעט מען ווי דער אייבערשטער האט געהאלפן, מיט דעם טייטשט ער: "וְרָאִיתָ אֶת אֲחֹרָי" - קוק אויף צוריק, קוק וואסערע חסדים איך האב געטון מיט דיר, וועסטו מיר זען; אבער: "וּפָנַי לֹא יֵרָאוּ" - וואס וועט זיין? ווי אזוי וועל איך האבן די ישועה? דאס ווייזט מען נישט פארן מענטש און מען קען דאס נישט זען פון פאראויס.

קוק צוריק ... וואס מיט דיר האט זיך אפגעטון, ווער וואלט געגלייבט אז דו וועסט אזוי שיין חתונה האבן; קוק וואס דער רבי מאכט פון א מענטש, ממש: "מְקִימִי מֵעָפָר דָּל, מֵאַשְׁפֹּת יָרִים אֶבְיוֹן" (תהלים קיג, ז), ווארט נאר ווארט וואס דער רבי וועט נאך מאכן מיט דיר אויב דו וועסט זיך דערהאלטן.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

...

~~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~~

# ~~~ שאלות ותשובות ~~~

## איך פאר קיין ארץ ישראל, ווי אזוי זאל איך מעביר סדרה זיין?

**שאלה:**

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

זייט איך בין מקורב צו מוהרא"ש, איז מיר נישט דורך א וואך וואס איך זאל נישט מעביר סדרה זיין, האב איך געוואלט פרעגן וואס איך זאל טון יעצט ווען איך וויל פארן קיין ארץ ישראל די קומענדיגע וואך, און דארט איז געריקט די פרשה מיט א וואך, וועלכע פרשה זאל איך מעביר סדרה זיין?

חיים

**תשובה:**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ב׳ פרשת אמור, ט״ו אייר, ל׳ לעומר, שנת תשע״ח לפרט קטן

**לכבוד חיים נרו יאיר**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

וואויל איז דיר אז דו ביסט נזהר אין די מצוה פון מעביר סדרה זיין.

חכמינו זכרונם לברכה זאגן (ברכות ח.): ״אָמַר רַב הוּנָא בַּר יְהוּדָה אָמַר רַבִּי אַמִּי, לְעוֹלָם יַשְׁלִים אָדָם פָּרָשִׁיּוֹתָיו עִם הַצִּבּוּר שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם, שֶׁכָּל הַמַּשְׁלִים פָּרָשִׁיּוֹתָיו עִם הַצִּבּוּר, מַאֲרִיכִין לוֹ יָמָיו וּשְׁנוֹתָיו״; א מענטש איז מחויב צו לערנען די פרשה פון די וואך, צוויי מאל די חומש און איין מאל תרגום, און ווער עס איז מעביר סדרה איז זוכה צו אריכת ימים.

זע אויך צו לערנען רש״י; אלע צדיקים האבן זייער מזהיר געווען זייערע תלמידים מען זאל לערנען חומש רש״י יעדן טאג. מען זאגט נאך פון הייליגן רבי ישכר דוב מבעלזא זכותו יגן עלינו וואס האט געזאגט: ״א טאג וואס מען לערנט חומש מיט רש״י, איז מען פארזיכערט אז אין דעם טאג וועט מען נישט זינדיגן״. אויך איז ידוע ביי סאטמארע חסידים אז דער הייליגער קדושת יום טוב זכותו יגן עלינו האט געשיקט זיינע צוויי קינדער דער ׳עצי חיים׳ און דעם בעל ׳דברי יואל׳ זכותם יגן עלינו, ווען זיי זענען נאך געווען גאר קליין, זיי זאלן גיין נעמען א ברכה פון דעם הייליגן צדיק רבי מרדכי׳לע מנאדבורנא זכותו יגן עלינו, ר׳ מרדכי׳לע האט זיי געבענטשט און זיי געזאגט די ווערטער: ״קינדערלעך, פילעוועט זיך אין חומש רש״י (לערנט אסאך חומש רש״י), ווייל איך האב געקענט גרויסע גאונים וואס זיי האבן נישט געוואוסט וואו דער אייבערשטער וואוינט, ווייל זיי האבן נישט געלערנט חומש רש״י״.

אויך איז באוואוסט אז דער הייליגער בעל התניא זכותו יגן עלינו האט איינגעפירט א סדר פאר זיינע תלמידים אז זיי זאלן יעדן טאג לערנען חומש מיט רש״י איינגעטיילט אויפן וואך; אזוי האבן אלע רבי״ס פון חב״ד זיך געפירט און אזוי פירן זיך היינט אויך חסידי חב״ד, צו לערנען יעדן טאג חומש רש״י איינגעטיילט לויט די טעג פון די וואך ווייל דאס ברענגט יראת שמים. וואויל איז פאר דעם וואס לערנט יעדן טאג חומש רש״י, דורכדעם וועט ער זוכה זיין צו לעבן מיטן אייבערשטן.

אז דו פארסט אויף ארץ ישראל וואס איז יעצט אפגערוקט פון חוץ לארץ מיט א סדרה, און דו פרעגסט ווי אזוי דו זאלסט זיך פירן מיט מעביר סדרה זיין; עס ווענדט זיך וואו דו וועסט דאווענען דארט, אויב דו וועסט דאווענען מיט א חוץ לארץ׳דיגע מנין זאלסטו ווייטער מעביר סדרה זיין ווי אין חוץ לארץ, אבער אויב דו וועסט דאווענען דארט מיט אן ארץ ישראל׳דיגן מנין דארפסטו מעביר סדרה זייןביידע פרשיות (קצות החושן סימן עב, סעיף קטן ג; ויעיין שאלות ותשבות בצל החכמה חלק א׳, סימן ט).

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

...

~~~~~~~~~~~

### איז דא צוויי מעשיות פון רבי׳ן מיט רעגן?

## שאלה:

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

יישר כח פאר אלעס, און ספעציעל פאר די טעגליכע בריוו וואס איז מיר ממש מחיה יעדן טאג. איך האב געוואלט פרעגן איבער דעם וואס דער ראש ישיבה האט געשריבן אינעם בריוו פון זונטאג פ' אחרי קדושים, **"דער רבי האט דערציילט אז א קעניג איז געגאנגען מיט זיינע באדינערס אין וואלד כאפן א הערש, פלוצלינג איז געווארן טונקל, די הימל איז באדעקט געווארן מיט שווארצע וואלקענעס, עס האט אנגעהויבן רעגענען, אלע מענטשן וואס זענען מיטגעגאנגען מיטן קעניג האבן געוואלט צוריק אהיים גיין, האט דער קעניג געזאגט: "איך בלייב דא ווייל איך מוז כאפן דעם הערש, ווער עס וויל קען צוריקגיין", האט דער רבי אויסגעפירט די מעשה און געזאגט: "דאס זעלבע זאג איך אייך, איך מוז כאפן דעם הערש, ווער עס וויל קען צוריקגיין."**, איז דאס די זעלבע מעשה אז די דארפישע מענטשן וועלן ברענגען די גאולה, אדער איז דאס אן אנדערע מעשה?

יישר כח אויף אלעס, משה

## תשובה:
~~~~~~~~~~~

בעזרת ה׳ יתברך - יום ב׳ פרשת אמור, ט״ו אייר, ל׳ לעומר, שנת תשע״ח לפרט קטן

**לכבוד משה נרו יאיר**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

דאס זענען צוויי באזונדערע סיפורים.

דער רבי האט דערציילט א ״מעשה ממטר״. עס איז געווען א קעניג וואס איז געגאנגען מיט זיינע שרים פאנגען חיות, ער איז געווען אנגעטון ווי א פשוט׳ער דארפסמאן, פליצלונג האט זיך אראפגעלאזט א שטארקע רעגן, אלע שרים זענען זיך צולאפן און זיי האבן איבערגעלאזט דעם קעניג אליין, דער קעניג איז געווען אין א גרויסער סכנה און ער האט געזוכט א פלאץ וואו ער קען זיך באשיצן, ביז ער האט געטראפן א הויז ווי עס האט געוואוינט א פשוט׳ער דארפסמאן, דער דארפסמאן האט אריין גענומען דעם קעניג, ער האט אנגעטון דעם קעניג פרישע קליידער און אים געגעבן צו עסן אביסל גריז און אים געלייגט שלאפן נעבן דעם אויבן וכו׳. דער קעניג איז געווען זייער מיד און פארמאטערט און ער האט זיך אזוי מחי׳ געווען מיט דעם בעט וואס דער דארפסמאן האט אים צוגעשטעלט, אז ממש ער האט נאך קיינמאל נישט געשפירט אזא געשמאק ווי ער האט דארט געהאט ביי דעם פשוט׳ן דארפסמאן.

שפעטער ווען עס האט אויפגעהערט רעגענען זענען אלע שרי המלוכה געקומען זוכן דעם קעניג, ביז זיי האבן אים געטראפן שלאפן ביים דארפסמאן אין שטוב. ווען זיי האבן געוואלט אהיים נעמען דעם קעניג האט זיי דער קעניג געזאגט: ״ווען עס האט גערעגנט האט איר נישט געקוקט אויף מיר, יעדער פון אייך איז געלאפן זוכן שוץ פאר זיך אליין און איך בין געבליבן אליין, נאר דער דארפסמאן האט מיר אריין גענומען צו זיך אין שטוב און מיך געראטעוועט, וועט ער מיר אהיים טראגן צום פלאץ און ער וועט מיר אנטון מיין קרוין״, האט דער רבי אויסגעפירט: ״פאר משיח וועט קומען וועט זיין א מבול פון אפיקורסות; נישט א מבול פון וואסער און נישט א מבול פון פייער, נאר א מבול פון שלעכטע מחשבות, עס וועט אריין שפריצן אפילו אין די כשר׳ע הערצער און מיט חכמות וועט מען זיך נישט קענען אן עצה געבן, נאר די פשוט׳ע אידן וואס זאגן תהלים מיט תמימות ופשיטות, זיי וועלן זיך דערהאלטן און זיי וועלן אנטון דעם קרוין פאר משיח (פעולת הצדיק, סימן תתל״ד)״.

דער הייליגער רבי מסאטמאר זכותו יגן עלינו ברענגט אראפ די מעשה אין ספר ויואל משה און ער פירט אויס בזה הלשון (מאמר ישוב ארץ ישראל, סימן קנ): ״וְזֶה עִנְיָן שֶׁל רוּחַ הַקּוֹדֶשׁ, שֶׁרָאָה מַה הִגִּיעַ אֵלֵינוּ בְּעִיקְבָא דִּמְשִׁיחָא״.

דער רבי האט דערציילט די מעשה ארויס צו ברענגען דאס גרויסקייט פון זיך פירן מיט תמימות און פשיטות; אז דייקא די וואס לעבן מיט פשוט'ע אמונה, די וועלן זיך קענען דערהאלטן אינעם גאס רעגן פון כפירות ואפיקורסות. ווייל די וואס גייען נאך זייערע חכמות די פאלן נאכדעם אוועק, אזוי ווי דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק ב', סימן יב): "כְּשֶׁאָדָם הוֹלֵךְ אַחַר שִׂכְלוֹ וְחָכְמָתוֹ, יוּכַל לִפֹּל בְּטָעוּתִים וּמִכְשׁוֹלוֹת רַבִּים, וְלָבוֹא לִידֵי רָעוֹת גְּדוֹלוֹת, חַס וְשָׁלוֹם", ווען א מענטש גייט נאך זיין שכל און זיין חכמה קען ער צוקומען צו מאכן גרויסע טעותים און צו גרויסע פראבלעמען, "וְיֵשׁ שֶׁקִּלְקְלוּ הַרְבֵּה, כְּגוֹן הָרְשָׁעִים הַגְּדוֹלִים מְאֹד הַמְפֻרְסָמִים, שֶׁהִטְעוּ אֶת הָעוֹלָם וְהַכֹּל הָיָה עַל יְדֵי חָכְמָתָם וְשִׂכְלָם", עס זענען געווען גרויסע רשעים וואס האבן פארדרייט דער וועלט און אלעס האט זיך אנגעהויבן ווייל זיי זענען נאך געגאנגען נאך זייערע חכמות; דער רבי זאגט דארט ווייטער: "וְעִקַּר הַיַּהֲדוּת הוּא, רַק לֵילֵךְ בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת, בְּלִי שׁוּם חָכְמוֹת, וּלְהִסְתַּכֵּל בְּכָל דָּבָר שֶׁעוֹשֶׂה שֶׁיִּהְיֶה שָׁם הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ", דער עיקר פון אידישקייט איז, מען זאל פאלגן די הייליגע תורה בתמימות ובפשיטות, און פאר מען טוט א זאך זאל מען קוקן צי דאס איז דער רצון פונעם אייבערשטן.

וואויל איז דעם וואס פירט זיך מיט תמימות, ער גייט אין די וועגן פון די תורה אן קיין שום חכמות, דורכדעם וועט ער זוכה זיין צו לעבן א זיכערע לעבן. אזוי ווי שלמה המלך זאגט (משלי י, ט): "הוֹלֵךְ בַּתֹּם יֵלֶךְ בֶּטַח", ווער עס גייט בתמימות - גייט אויף א זיכערע וועג.

...

~~~~~~~~~~~

### ווי אזוי גרייט איך זיך צו מיין נסיעה אויף אומאן?

**שאלה:**

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

איך גרייט זיך יעצט צו פארן צום הייליגן רבינ'ס ציון אין אומאן צום ערשטן מאל, דערווייל נאכנישט אויף ראש השנה, און איך האב געוואלט וויסן ווי אזוי איך דארף זיך צוגרייטן צו דעם, און ווי אזוי אויסצונוצן די צייט ווען מ'געפונט זיך דארט ביים ציון הקדוש.

יישר כח. יוסי

**תשובה:**

בעזרת ה' יתברך - יום ב' פרשת אמור, ט"ו אייר, ל' לעומר, שנת תשע"ח לפרט קטן
~~~~~~~~~~~

**לכבוד יוסי נרו יאיר**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

וואס דארפסטו מער פונעם רבינ׳ס ווערטער; דער רבי האט צוגעזאגט (חיי מוהר"ן, סימן רכה) ווער עס וועט קומען צו זיין ציון און זאגן דעם תיקון הכללי (די צען קאפיטלעך תהילים - ט"ז, ל"ב, מ"א, מ"ב, נ"ט, ע"ז, צ׳, ק"ה, קל"ז, ק"נ) און געבן א פרוטה לצדקה פאר זיין זכות, אפילו ער האט געטון די הארבסטע עבירות **"וֶועל אִיך מִיר לֵייגְן אוֹיף דִי לֶענְג אוּן אוֹיף דִי בְּרֵייט אִים אַ טוֹבָה צוּ טוּן; בַּיי דִי פֵּיאוֹת וֶועל אִיך אִים אַרוֹיס נֶעמֶען פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית"**.

דעריבער אז דו ביסט זוכה יעצט דאס ערשטע מאל אין דיין לעבן צו פארן צום הייליגן רבינ׳ס ציון דארפסטו טאנצן פאר שמחה אז דו ביסט זוכה צו קומען צו אזא הייליגע פלאץ; גלייך ווען דו קומסט קיין אומאן זאלסטו גיין צום ציון זאגן דעם תיקון הכללי. פאר דו זאגסט דעם תיקון הכללי זאלסטו געבן א פרוטה לזכות רבינו נחמן בן פיגא און גלייך זאגן די צען קאפיטלעך תהילים וועסטו זוכה זיין אז דער רבי וועט דיר מתקן זיין.

ביים רבינ׳ס ציון קען מען אלעס פועל׳ן; אויב מען האט שכל און מען נוצט אויס די צייט, קען מען זען גרויסע זאכן. דער רבי איז דארט און דער רבי הערט אויס יעדעס ווארט וואס מען בעט אים, אזוי ווי מיר ווייסן פון די מעשה אז אמאל איז דער רבי געזיצן אין שטוב מיט זיין טאכטער און זיי האבן געהערט ווי א פרוי וויינט אויפן קבר פון איר טאטע, האט דער רבי געזאגט פאר זיין טאכטער: "דער מת איז בכלל נישט דא און הערט בכלל נישט איר וויינען, אבער ווען איך וועל אוועק גיין מזה העולם און מען וועט קומען צו מיין קבר, וועל איך הערן וואס מען רעדט צו מיר", און דער רבי איז אריין אין אן אנדערע צימער און איר געזאגט: "אזוי ווי איך קען הערן דא ווען דו רופסט מיר פון די אנדערע זייט, אזוי וועל איך הערן וואס דו וועסט בעטן ביי מיין ציון (שיחות הר"ן, סימן קנו)".

זעלבסט פארשטענדליך, אז דער רבי איז דארט דארף מען אריין גיין מיט דרך ארץ; מען דארף זיך פארשטעלן כאילו מיר וואלטן אריין צום רבי׳ן וואס דעמאלט וואלטן מיר זיכער אריין מיט גרויס דרך ארץ. דער ציון איז נישט קיין פלאץ פון שמועסן און זיכער נישט חס ושלום א פלאץ פון קלות ראש, עס איז א פלאץ פון התבודדות און פון תפילה.

וואויל איז דעם וואס איז זוכה צו קומען קיין אומאן און זאגן די צען קאפיטלעך תהילים, וועט ער זוכה זיין צו אלע תיקונים וואס דער רבי האט מבטיח געווען.

זאלסט פועל'ן אלעס גוטס פאר דיר און פאר גאנץ כלל ישראל; בעט פאר מיר יואל בן ריצא רעכיל איך זאל זוכה זיין צו קענען ווייטער ממשיך זיין מיט מיין ארבעט.

...

~~~~~~~~~~~

### ווי אזוי קען איך אוועקווארפן מיינע שלעכטע געוואוינהייטן?

**שאלה:**

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

איך בין א 15 יעריגע בחור, איך האב געהאט זייער א שווערע עבר, מ'האט מיר אסאך פארשעמט און געשלאגן, און דאס האט מיר געמאכט פיינט האבן צו זיין א איד, איך האב נאר געטראכט אז איך וויל ווערן א גוי, איך האב זיך געקויפט א סמארטפאן און צאמגעקוקט דאס ערגסטע, און איך האב געטון עבירות ממש להכעיס צו ווייזן אז כ'בין נישט קיין איד.

דער אייבערשטער האט מיר אבער געהאלפן אז איך בין אנגעקומען צו אייערע שיעורים און דאס האט מיר ממש געטוישט מיין בליק אויפ'ן לעבן, איך האב אנגעהויבן זען אז אידישקייט איז נישט אזוי שלעכט, יעצט וויל איך שוין זיין א פשוטער ערליכער איד, אבער די אלע עבירות אין וואס איך בין שוין געווארן צוגעבינדען, מאכן מיר זייער שווער אנצוגיין, איך קען זיך ממש נישט שלאגן מיט מיין יצר הרע, אפשר קענט איר מיר מחזק זיין איך זאל קענען זיין א פשוטער ערליכער איד?

אויך לערן איך אין א ישיבה וואס איך האב זייער נישט ליב, מ'רעדט דארט גארנישט פונעם אייבערשטן, נאר פון נארישקייטן, איך וואלט אזוי שטארק געוואלט קומען לערנען ביי אייך אין ישיבה. וואס זאל איך טון?

א גרויסן יישר כח פאר אלעס.

**תשובה:**

בעזרת ה' יתברך - יום ד' פרשת אמור, י"ז אייר, ל"ב לעומר, שנת תשע"ח לפרט קטן

**לכבוד הבחור ... נרו יאיר**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

איך בעט דיר זייער זאלסט זיך מחזק זיין מיט אלע דיינע כוחות צו זיין פרייליך, ווייל ביים אייבערשטן איז זייער חשוב א מענטש וואס טוט תשובה.

וואויל איז דיר אז דו האסט אפגעלאזט דיינע שלעכטע מעשים; חכמינו זכרונם לברכה זאגן (תנחומא נח, ח): "אֵין מַכָּה בָעוֹלָם שֶׁאֵין לָהּ רְפוּאָה", אויף יעדע מכה איז דא א רפואה און אין יעדע פראבלעם איז דא א וועג ארויס, "רְפוּאָתוֹ שֶׁל יֵצֶר הָרַע, תְּשׁוּבָה",
~~~~~~~~~~~

וואס איז דא רפואה פאר די יצר הרע? תשובה; ווען א מענטש האט געטון עבירות רחמנא לצלן איז זיין רפואה ער זאל תשובה טון און זיך צוריק קערן צום אייבערשטן.

איך בעט דיר זייער, ווארף אוועק דיין סמארט-פאון; דאס איז נישט קיין גוטע זאך און עס וועט דיר נישט ברענגען קיין גוטס. ווייל אז מען קוקט שמוציגע זאכן ווערט מען אויסגעריסן אויך פון דער וועלט; דער יצר הרע רוט נישט ווי לאנג ער רייסט אויס דעם מענטש סיי פון דער וועלט און סיי פון יענע וועלט. ר' אברהם בן ר' נחמן האט געזאגט: "דער ס"מ וויל נישט צונעמען פונעם מענטש בלויז זיין רוחניות, ער וויל אים אויך צונעמען זיין גשמיות - זיין לעבן אויף די וועלט, ער וויל אים הרג'ענען אינגאנצן"; אז מען קוקט שמוץ רחמנא לצלן פארלירט מען דעם מח און אז מען האט נישט קיין מח האט מען גארנישט, פרעג איך דיר: "צו וואס דארפסטו דעם צרה?!"

איך ווייס אז עס איז זייער שווער אוועק צו ווארפן א סמארט-פאון, ווייל דאס איז ספעציעל אזוי אויסגעשטעלט צו כאפן דעם מענטש'ס מוח, עס ציט און ציט ביז מען ווערט ממש צוגעקלעבט צו דעם, מיט דעם אלעם האט א מענטש א כח צו זאגן: "איך דארף דאס מער נישט"; אזוי ווי דער רבי האט געזאגט פאר א איד וואס איז געקומען פרעגן ווי אזוי עס קען זיין אז א מענטש האט א בחירה; אויב מען איז צוגעקלעבט צו שלעכטע מעשים ווי איז שייך צו זאגן פארן מענטש: "דו האסט א בחירה?" עס איז דאך אומעגליך זיך אפצושיידן פון א געוואוינהייט וואס מען האט זיך צוגעוואוינט צו טון! האט אים דער רבי געזאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק ב', סימן קי): "עס איז זייער פשוט צו פארשטיין דער ענין פון בחירה; אויב מען וויל טוט מען עס, און אז מען וויל נישט טוט מען נישט"; שרייבט ר' נתן (שם): "איך האב מיר פארצייכנט וואס דער רבי האט אים געענפערט, ווייל זייער אסאך מענטשן זענען זיך טועה אין דעם, זיי פרעגן די קשיא: "ווי איז שייך צו זאגן אז איך האב א בחירה, ווען איך קען מיר נישט אפשיידן פון מיין געוואוינהייט וואס איך האב זיך צוגעוואוינט צו טון?" דערפאר מיינען זיי אז עס איז טאקע אומעגליך ארויסצוקריכן פון דעם, אבער באמת איז נישט אזוי, נאר יעדער מענטש האט שטענדיג א בחירה און קען אויפהערן טון שלעכטע מעשים.

פאלג מיר, ווארף אוועק דיין סמארט-פאון, זיי א העלד! אפילו קיינער ווייסט נישט אז דו האסט דאס, דו שפילסט אויס דיינע עלטערן און דיינע מגידי שיעורים וכו', ווייז אבער פארן אייבערשטן אז דו ווילסט זיין גוט; דער אייבערשטער בעט (שיר השירים רבה ה, ב): "פִּתְחוּ לִי פֶּתַח כְּחֻדָּהּ שֶׁל מַחַט, וַאֲנִי אֶפְתַּח לָכֶם כְּפִתְחוֹ שֶׁל אוּלָם", עפן מיר אויף א קליינע טיר אזוי ווי די שפיץ פון א נאדל און איך וועל דיר נאכדעם העלפן; אז

דו וועסט אוועקווארפן דיין פאון, דו וועסט אויפהערן קוקן די עקעלדיגע מאוויס, דורכדעם וועסטו זוכה זיין צו זיין אן ערליכער איד.

איך בעט דיר נאכאמאל, שטארק דיר און זיי פרייליך, דורכדעם וועסטו מצליח זיין, אזוי ווי דער רבי זאגט (ספר המידות, אות שמחה, חלק ב׳, סימן א): "מִי שֶׁהוּא שָׂמֵחַ תָּמִיד, עַל יְדֵי זֶה הוּא מַצְלִיחַ", ווער עס איז שטענדיג פרייליך דער איז מצליח; זאלסט זען ארום צו גיין מיט א שמייכל א גאנצן טאג.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

...

~~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~~